STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13563

HUNDERT FOLKS-LIDER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. קיפּניס

הונדערט פֿאָלקס־לידער

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד 43

רעדאַקטאָר:
מארק טורקאָוו
פֿאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

הונדערט פאָלקס-לידער

פון זמרה זעליגפעלדס און מ. קיפּניסעס
קאָנצערט-רעפּערטואַר

געזאַמלט דורך

מ. קיפּניס

איינלייטונגס-וואָרט פון

מאַרק טורקאָוו

ארויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס, 1949

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

M. KIPNIS

"HUNDERT FOLKS-LIDER"

(CIEN CANTOS POPULARES)

Buenos Aires, 1949

אינהאַלט

קיפּנים און זעליגפּעלד פּון מאַרק טורקאָוו — 9

I. **ליריש־ראָמאַנטישע און ליבעס־לידער:**

די גאָלדענע פּאווע — 25
מאַמעניו, ליובעניו — 27
אַ מיידל אין די יאָרן — 29
אַ ליד פּון אַ פייגעלע — 31
פייגעלע איז אַ ווילע מויד — 33
אַ חברטע — 35
אַמאָל איז געווען אַ מעשה — 37
אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג — 39
בראָנטשעלע — 41
גיי איך מיר שפּאַצירן — 43
יאָמע, יאמע — 45
אַ יינגעלע פּון פּוילן — 47
לאָמיר זיך איבערבעטן — 49
העלף מיר גאָטעניו — 51
די בייקע — 53
לייג איך מיין קעפּעלע — 55
די מאַמע האָט מיך געשיקט — 57
אין ווילדן וואַלד אַליין — 59
אוי אַברהם — 61
אין דרויסן מאַמעליו האָט זיך פאַרכמאַרעט — 63
הושענה רבה אויף דער גאַנצער וועלט — 65
ווו ביזטו געווען? — 67
ביזטו מיט מיר ברוגז — 69

ער זעצט זיך אנידער — 71
ביי א טייכעלע — 72
זאלסט נישט גיין מיט קיין פאטשייעווער מיידלעך — 74
אוי ווײ, טאכטער, ס׳איז שוין צען אזייגער — 76
לאמירביידע א ליבע פירן — 78

II. פאלקסטימלעכע לידער

אין חדר — 83
העמערל — 87
שטערנדל — 89
מארגאריטקעלעך — 92
מאי קא משמע לן — 95
בעריאזקעלע — 97
אויף דעם בוידעם שלאפט דער דאך — 99
דריי נייטארינס — 101
סלושאי — 103
אכציק ער און זיבעציק זי — 106

III. לידער פון לעבן

דאס רעגנדל — 111
אמאל איז געווען א יידעלע — 113
בין איך מיר א שניידערל — 115
בייט זשע מיר אויס א 25-ער — 117
שרהלע דושענקע — 119
רבונו של עולם, כ׳האב צו דיר א טענה — 121
ביי דעם שטעטל שטייט א שטיבל — 123

IV. רעליגיעזע, חסידישע, מתנגדישע און פילאזאפישע לידער

קדיש — 127
א דודעלע — 131
מאירקע מיין זון — 134
ער זאל לעבן — 136
די אלטע קשיא — 138
ס׳איז נישטא קיין נעכטן — 139
דער פילאזאף — 140

V. הומאָריסטישע לידער

א חזן אויף שבת — 145
וואָס וועט זיין אז משיח וועט קומען? — 148
זאָל איך זיין א רב — 151
גוט־וואָך — 153
דער בעל־עגלה — 155
די מעזינקע אויסגעגעבן — 158
וואָס זשע ווילסטו מיין טייער קינד? — 160
פאָרט דער חסידל צום רבין — 162
א גוטער אָונט ברייגע! — 164
יאשקע פאָרט אוועק — 166
א זמר'ל — 168
ווען דו וואָלסט געוועז דער בורא עולם — 170
וואָס וועט זיין מיטן רבין דעם פרומען — 172
דער רבי אלימלך — 175
דאָס קליין מלמדל — 178
אונטער א קליין ביימעלע — 181
נחומקע מיין זון — 183
ניין מאמע, ניין מוטער — 185
דאָס קאָזשעניצער שניידערל — 189
מיט א נאָדל און אָן א נאָדל — 191
דער סאמאָוואר — 193
אלף — אן אָדלער — 194
אלף — אן אָדלער — 196
אלף — אינדיקעס — 199
שלום עליכם — 201
ווי אזוי לעבט דער קייסער? — 204
אברהמעלע מלמד — 207

VI. טיש און טרינק־לידער

א פאסטוכל — 213
א פאסטוכל — 215
פאָ כאסידאצקאָמו — 219
מיקיטקאָ — 222

רויז, רויז, ווי ווייט ביזטו? — — — — — — — — — — — — — 224
ציַא טוט קראַוויעץ מעשקאַ? — — — — — — — — — — — — — 225
דער אַדרעס צום ליאַדיער רבין — — — — — — — — — — — — 227
קודי יידיש? — — — — — — — — — — — — — — — 229

VII. יידיש־גויאישע לידער

מיר זענען ניכטער — — — — — — — — — — — — — — 233
עפנט רביצין, חסידים גייען — — — — — — — — — — — — 234
שאַ, שטיל, מאַכט נישט קיין גערודער — — — — — — — — — 237
באַלעבאַסטע זיסינקע — — — — — — — — — — — — — 239
די משקה — — — — — — — — — — — — — — — — 241
לכבוד דעם הייליקן בים־באַם — — — — — — — — — — — 245
איינמאָל טו איך זיך באַנייען — — — — — — — — — — — 247
לעבן לאַסן וואָל... — — — — — — — — — — — — — 249
פון וואַנען קומט אַ ייד — — — — — — — — — — — — 250
איה"ש ביים רבין — — — — — — — — — — — — — — 252
אלו ואלו צועקים בך — — — — — — — — — — — — — 254

VIII. גאַס און גנבים לידער

וואָס ביזטו קאַטינקע ברוגז — — — — — — — — — — — 259
פלי־זשע מיין פייגעלע — — — — — — — — — — — — — 261
די ביימעלעך זיי פליען — — — — — — — — — — — — 263
נאָר נעמען באַגראַנדע — — — — — — — — — — — — — 265
וואַרשעווער קאַדעטן — — — — — — — — — — — — — 267

זמרה זעליגפעלר

מנחם קיפּנים

קיפּנים און זעלינפעלד

(נאָטיצן און שטריכן)

אין זיינע זכרונות וועגן די אומגעקומענע יידישע קינסטלער אין ווארשעווער געטאָ, שרייבט יאָנאַס טורקאָוו, אַז:

„קיפּנים האָט געהערט צו די גליקלעכע פון דער שרייבער- און קינסטלער־משפּחה אין ווארשעווער געטאָ, וואָס זענען געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. און נישט אַלע אין געטאָ האָבן דאָך גע־האַט אַזאַ זכיה...

זיינע חברים, פריינט און פארערער האָבן אים איינגעאָרדנט אַ שיינע לויה און אים מספּיד געווען ביים קבר אויפן גענשער בית־עלמין. די יידישע טעאַטער־וועלט פונקט ווי די יידישע קולטור־וועלט אין ווארשע, האָבן אים אָפּגעגעבן זיין לעצטן, פארדינטן כבוד...”

דאָס איז געווען אין יאָר 1942 און זיין טויט איז געקומען פון אַ בלוטאויסגוס אין קאָפּ.

געניי ווי אַלט מ. קיפּנים איז געווען, קען מען נישט פעסט־שטעלן. ער האָט געהערט צו יענע קינסטלער, וואָס ווען זיי ווערן עלטער באַמיען זיי זיך צו זיין יינגער... זיי ווילן זיך יעדנפאַלס באַווייזן אַלס יינגערע.

לויט זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע” איז מ. קיפּנים געבוירן געוואָרן אין יאָר 1878. דאָס

זענען אויך די איינציקע ביאָגראַפישע פּרטים וועגן מ. קיפּניסן, וואָס זענען באַקאַנט. זיי שטאַמען פון דאַטן, וואָס קיפּניס אַליין האָט אָנגעגעבן און מיר וועלן זיי דעריבער איבערחזרן ווערטלעך, לויט רייזענס לעקסיקאָן:

„געבוירן אין אושאָמיר, וואָלין. זיין פאָטער ישעיה, א ייד א למדן, וואָס האָט געהאַט א שם מיט זיינע חכמות, איז געווען חזן און אויך געהאַט די חזקה אויפן ליכט־פּאַרקויף אין שטעטל. צו 8 יאָר איז מנחם געבליבן א קיילעכדיקער יתום און זיך אויפגעהאָדע־וועט ביי זיין עלטערן ברודער פּייסיע חזן (דער פאָטער פון דעם העברעאישן שרייבער לעווין קיפּנים). ביז 14 יאָר געלערנט ביי די בעסטע מלמדים פון דער קהלשער תלמוד־תורה און גלייכצייטיק צו־געהאָלפן דעם ברודער זינגען אין טשערנאָבילער בית־מדרש און אויף שמחות, האָט געשמט מיט זיין אַלט, אַזוי אַז חזנים פון די אַרומיקע שטעטלעך פלעגן פאַר אים גוט באַצאָלן ער זאָל זיי צוהעלפן ימים־נוראים. צו 15 יאָר פאַרלוירן זיין קינדערשן קול, האָט ער צוגעצ־האָלפן זיין ברודער מאַכן חלבנע ליכט. פון 16 ביז 17 יאָר געלעבט ביי זיינעם א ברודער אין א דייטשער קאָלאָניע אין וואָלין, אַרומ־געפאָרן מיט א פערד־און־וועגעלע אויפקויפן פּוטער, אייער, און אַז עס האָט זיך געמאַכט א קעלבל, פלעגט ער אויך אָפּשינדן די פעל. אָבער ווי נאָר עס האָט זיך אים באַוויזן די מענער־שטיב, דער טע־נאָר, איז ער אָנגעקומען אַלס זינגער אין דער קאָרשול אין זשיטאָ־מיר און זיך געלערנט מוזיק און אויך יידישע און אַלגעמיינע לימו־דים. דערנאָך געזונגען אַלס סאָליסט ביים באַרימטן חזן בערל מו־ליער אין זוויהיל, וווּ ער האָט זיך באַקענט מיט מ. ז. פייערבערגן און ש. צ. זעצערן. פון זוויהיל אוועק קיין באַרדיטשעוו, א שטיקל צייט געזונגען ביי ניסן בעלזער און באַלד אַריבער צו זיידעלע ראָוו־נער, וואָס איז געווען חזן אין דער ניישטאָטישער שול אויף ירוחם הקטנס אָרט. מיט זיידל ראָוונער אַרומגערייזט גאַנץ וואָלין, פּאָ־דאָליע, קיעוו, בעסאַראַביע, אויך ליטע און פוילן, דאַוונענדיק שבת און געבנדיק חזנישע קאָנצערטן. אין דער פרייער צייט געלערנט גמרא און העברעאיש, פיל געלייענט אין דער השכלה־ליטעראַטור, גלייכצייטיק שטודירט מוזיק דורך די בריוו פון אברהם־בער בירנ־

בוים, אויך געלערנט אומזיסט מיט זיינע חברים די משוררים, צווישן וועלכע עס איז געווען דער שפּעטער באַרימטער יידישער קאָמפּאָזיטאָר משה מילנער. דער באַרדיטשעווער גאָלדשמיד איציקל זוסמאַן האָט אים דאַן אויסגעגאַרט פון דער משוררים־קאַפּעליע און געבראַכט קיין וואַרשע, ווו ער איז גלייך אַריין אין קאָנסערוואַטאָריע. זיך אויך געלערנט פּריוואַט ביים באַוווסטן מוזיקער מתתיהו בענסמאַן. אין 1902, ביי אַ קאָנקורס אָנגענומען געוואָרן אַלס איינציקער ייד פאַר דעם ערשטן טענאָר פון דער וואַרשעווער רעגירונגס־אָפּערע, ווו ער האָט געזונגען במשך פון 16 יאָר.

זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט קיפּנים אָנגעהויבן מיט אַ סעריע אַרטיקלען „סגנון זמרתנו", אין „המליץ", 1902 — וועגן דעם סטיל און טאַנאַרט פון דער יידישער מוזיק. די אַרטיקלען האָבן אַרויסגערופן אַ לאַנגע פּאָלעמיק אין „המליץ" מיט פנחס מינקאָווסקין א. א.

אין „המליץ" האָט ער אויך פאַרעפנטליכט נאָך אַ רייע אַנדערע אַרטיקלען, דאַן געשריבן פעליעטאָנען אין „הצפה", אויך טעאַטער און מוזיק־רעצענזיעס אונטערן פסעוודאָנים בת־קול.

די ערשטע מוזיקאַלישע אַרטיקלען אין יידיש האָט קיפּנים פאַרעפנטלעכט אין קרינסקים וואָכנשריפט „די ראָמאַן־צייטונג", ווו ער האָט געפירט אַ שטענדיקע אָפּטיילונג א"ט „מוזיקאַלישער אַלבום" און אין דער אָפּטיילונג געגעבן ביאָגראַפיעס און אָפּשאַצונגען פון די באַרימטע יידישע קאָמפּאָזיטאָרן און מוזיקער. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין די וואָכנשריפטן „די טעאַטער־וועלט" און „דער שטראַל" און דאַן געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „היינט", ווו אַ חוץ זיינע מוזיקאַלישע אַרטיקלען און רעצענזיעס, וואָס האָבן אים געמאַכט אַ נאָמען אַלס ערשטן ערנסטן מוזיק־שריפטשטעלער אין דער יידישער פּרעסע האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט רעגלמעסיק פעליעטאָנען, הומאָרעסקעס, רייזע־בילדער א.א.וו. אויך א"פ מעפיסטאָפעל, מעטראַנאַם, נאַכט־וואַנדערער, ספינקס, איציקל ספּירט. פון זיינע הומאָריסטישע אַרטיקלען זענען באַזונדערס פּאָפּולער געווען די סעריע „יעקע נאַר", „טעאַטער־מעשיות", „בערד" — פון דער נאָכמלחמה־צייט אין פּוילן,

ווען מען האָט געשניטן בערד, און די גרעסטע סעריע „כעלמער מעשיות", געזאַמלט אויף זיינע קאָנצערט-טורנעען און רייזעס איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך. פיל פון זיינע הומאָריסטישע מע-שיות זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרקער „טאָג", אויך אין דער דייטשער און פראַנצויזישער פרעסע.

באַזונדערע פאַרדינסטן האָט קיפּניס פאַר דער פּאָפּולאַריזי־רונג פון דעם יידישן פאָלקס־ליד אין פּוילן און ליטע. זינט 1913 האָט ער אָנגעהויבן צו זאַמלען איבער די יידישע שטעט און שטעט־לעך די יידישע פאָלקס־לידער און איז אויפגעטרעטן מיט קאָנצערטן איבער גאַנץ פּוילן, אויך אין די גרעסטע שטעט פון מערב־אייראָפּע צוזאַמען מיט זיין פּאַרטנערין, און שפּעטער זיין פרוי — זמרה זע-ליגפעלד.

פון זיינע זאַמלונגען פאָלקס-לידער זענען אַרויס 2 ביכער „60 יידישע פאָלקס־לידער" און „80 יידישע פאָלקס-לידער" — מיט נאָטן (פאַרלאַג א. גיטלין, 1918 און 1925), וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן. פון זיינע אַנדערע אַרבעטן זענען אין בוכפאָרם אַרויס: „באַרימטע יידישע מוזיקער" (פאַרלאַג „ביכער פאַר אַלע", וואַרשע, 1912); „ניסים ונפלאות" — אַ זאַמלונג הומאָרעסקעס. האָט צוגעגרייט צום דרוק אַ גאַנצע רייע ביכער, ווי „חזנים און מנגנים", „יידישע קלעזמער אין פּוילן", „פון פּרימיטיוון פאָלקס-ליד ביז דער יידי־שער סימפאָנישער מוזיק", „מיין רייזע מיט זיידל ראַוונער איבער שטעט און שטעטלעך", „כעלמער מעשיות", „טעאַטער־הומאָרעס־קעס", „הונדערט נייע יידישע פאָלקס-לידער", אַ בוך פאָלקס־לידער מיט מעשיות, ווו יעדעם פאָלקס-ליד האָט אַרום זיך אַ מעשה, וועלכע איז אָפט נאָך שענער פון דעם ליד א. א. וו.

האָט צוזאַמען מיט ב. יאושזאַנען פאַרפאַסט אַ קאָמעדיע „מיט דעם כוח פון דיבוק", אַ פּאַראָדיע אויף אנסקיס „דיבוק". איז לעצטנס געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער קונסט-ביילאַגע פון ניו-יאָרקער „פאָרווערטס", ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט זייער פיל בילדער פון יידישע טיפּן אין פּוילן אַלס ליבהאָבער פון מאָ-מענטאַלע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען און זאַמלער פון יידיש־פאָלקסטימלעכע טיפּן".

אין משך פון די העכער 40 יאָר, וואָס ער, קיפּניס האָט געווינט אין וואַרשע, האָט ער זיך פולשטענדיק צוזאַמענגעלעבט מיטן וואַרשעווער און בכלל מיטן פּוילישן יידנטום. ער איז געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פון דעם אַזוי פאַרבגרייכן יידישן פאָלקס־שאַפן אין פּוילן און האָט מיט זיין אַלזייטיקן טאַלאַנט באַרייכערט דאָס פּויליש־יידישע קולטור־לעבן.

קיפּניס האָט פיל בייגעטראָגן פאַרן וווקס פון יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, פאָלקס־כאָרן, יידיש טעאַטער, א. ד. גל.

אין משך פון העכער 20 יאָר, וואָס עס האָט עקזיסטירט דער יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַריין אין וואַרשע איז קיפּניס געווען דאָרט אַ צענטראַלע געשטאַלט. זינט זיין גרינדונג, ווערנדיק אַ מיטגליד פון דער ערשטער פאַרוואַלטונג, ביז צום חורבן — האָט קיפּניס אַלע יאָרן, כמעט אָן שום איבערברעכונג, געהערט צו זיינע אַקטיווסטע טוער.

ער איז געווען אַ מענטש פון דער יידישער באָהעמע, האָט ליב געהאַט די יידישע גאַס, האָט ליב געהאַט דאָס טומלדיקע יידישע פאָלקס־לעבן, האָט ליב געהאַט דאָס לעבן אין קאַפעען און ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס, אָבער „טלאָמאַצקי 13“ איז געווען זיין היים, אין די גוטע און אין די שלעכטע צייטן. ווען מען האָט זיך געפרייט, מען האָט געטאַנצט און ווען מען האָט געקעמפט און זיך אַרומגעקריגט.

דער קליינוווקסיקער, דאַרינקער מ. קיפּניס, מיט זיין געשטופּלטן פּנים, מיט אַ ווייטן פלעק אויפן אויג, איז שטענדיק געווען אַ פרייליכער, אַ לאַכעדיקער, פול מיט גייסט און פול מיט הומאָר.

ער איז געווען אַ נישט אויסגעשעפּטער קוואַל פון דעם יידישן פאָלקס־הומאָר מיט וועלכן ער האָט באַרייכערט די יידישע פּרעסע.

ער איז געווען פּאָפּולער נישט בלויז אַלס דערפאָלגרייכער יידישער פאָלקס־זינגער, אַלס זאַמלער פון דעם יידישן פאָלקלאָר און פאָרשער פון דער יידישער נגינה, נאָר אויך אַלס פעליעטאָניסט, וואָס האָט געהאַט אָריגינעלע איינפאַלן, געשאַפן הומאָרפולע טיפּן, געשטאַלטן און ווערטלעך, וואָס פלעגן שנעל פאַרוואַנדלט ווערן אין

פאָלקס־ווערטלעך צווישן אַלע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקע־רונג.

דער יידישער צייטונגס־לייענער האָט זיך נישט בלויז גע־רעכנט מיט קיפּניסעס מיינונג, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זיי־נע מוזיק־רעצענזיעס, אין זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן חזנים און זינגער, נאָר האָט געזוכט יעדן פרייטיק אין „היינט" קיפּניסעס שמועס ביי סעמאַדעני אין קאַפע־הויז מיטן „פאַן מעצענאַס".

דעם „פאַן מעצענאַס" (הער אַדוואָקאַט) איז געווען אַ טיפּ פון אַ פּוילישן אַנטיסעמיט, וואָס האָט אין אַלע צרות פון דער וועלט באַשולדיקט יידן. דאָס איז געווען אַ טיפּ, וואָס קיפּניס האָט אַליין געשאַפן, אַליין אויסגעטראַכט, הגם אין דער ווירקלעכקייט האָבן אַזעלכע אַנטיסעמיטישע „מעצענאַסן" און נישט־מעצענאַסן עקזיס־טירט זייער אַ סך.

פלעגט אַלזאָ קיפּניס שילדערן ווי ער טרעפט זיך מיטן דאָזיקן „פאַן מעצענאַס" אין דעם פּאָפּולערן וואַרשעווער קאַפע־הויז אויפן טעאַטער־פּלאַץ „סעמאַדעני" און דאָרט זיך דורכשמועסן מיט אים וועגן אַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען אין יענע טעג געווען אַקטועל.

דאָס איז געווען אַזוי רעאַליסטיש באַשריבן, אַז קיינעם האָט נישט געקענט איינפאַלן, דאָס קיפּניס האָט אויסגעטראַכט, אַליין זיך באַשאַפן די געשטאַלט פון דעם „פאַן מעצענאַס", אַז דער „פאַן מעצענאַס" דאָס זענען הונדערטער, טויזנטער פּוילישע אַנטיסע־מיטן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף טריט און שריט אין דעם דע־מאָלסטיקן יידישן לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז קיפּניס האָט שטענדיק אַריינגעזאָגט דעם „פאַן מעצענאַס". דער ייד האָט שטענדיק מיט זיינע אַרגומענטן באַזיגט דעם אַנטיסעמיט. יידן האָבן דערפון הנאה־געהאַט. מען פלעגט באַגריסן קיפּניסן:

— איי, לעבן זאָלט איר, פאַניע קיפּניס, האָט איר דעם גוי אַריינגעזאָגט! אוי, האָט איר אים דערלאַנגט...

יידן האָבן געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון קיפּניסעס אויס־געטראַכטער געשטאַלט. יידישע יונגעלייט פלעגן אפילו נאָכגיין קיפּניסן, אָפּוואַרטן אים אין קאַפע, בכדי צו זען ווי ער, זייער ליב־לינג, שמועסט זיך דורך און זאָגט אַריין דעם אַנטיסעמיט.

טאָמער האָט מען געזען קיפּניסן שטיין מיט עפּעס אַ קריסט און רעדן, איז מען געווען זיכער, אַז אָט, דאָס רעדט ער מיטן „פּאַן מעצענאַס".

קיפּניסעס „שמועסן" מיטן „פּאַן מעצענאַס" זענען געווען אַ שלל פון יידישן פאָלקס־הומאָר און פון יידישער חכמה. וויפיל פּאָ־ליטישע געדאַנקען, וואָס אין אַ פּשוטן פּאָליטישן אַרטיקל וואָלט די צענזור זיי נישט דערלויבט אַרויסזאָגן, האָט קיפּניס דורכ־געשמוגלט אין זיינע פרייטיקדיקע פעליעטאָנען מיטן „פּאַן מעצע־נאַס".

נישט ווייניקער גייסטרייכן הומאָר האָט קיפּניס אַרויסגע־בראַכט אין זיינע אָריגינעלע טעאַטער־הומאָרעסקעס, אין די בע־לעמער מעשיות און סתם רייזע־פעליעטאָנען, וואָס ער פלעגט פאַר־עפנטלעכן און אין וועלכע ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק דעם יידישן לעבנס־שטייגער אין די קליינע שטעטלעך, די יידישע פאָלקס־סביבה.

ווען מען וועט צונויפזאַמלען און אַרויסגעבן די וויכטיקסטע פון זיינע אַרבעטן וועט די יידישע פאָלקלאָר־ליטעראַטור בלי־ספק געווינען אַ וויכטיקן אוצר וועגן דעם פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן.

מ. קיפּניס איז אויך געווען איינער פון די באַדייטנדסטע פאָרשער אויפן געביט פון חזנות און זיינע אַרבעטן וועגן חזנים און מנגנים האָבן בלי־ספק אַ גרויסע קולטור־היסטאָרישע באַדיי־טונג.

נאָך אין יאָר 1909 אָנהויבנדיק דרוקן אין עפּלבערגס „טעאַ־טער־וועלט" אַ ציקל אַרטיקלען וועגן חזנות און חזנים שרייבט קיפּניס, אַז איין זאַך פאַרמאָגן מיר יידן וואָס קיין שום אומה אין דער וועלט פאַרמאָגט עס נישט: דאָס זענען חזנים. האָט טאַקע קיפּניס געלאָזט אין זיין רייכער ליטעראַרישער ירושה אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען און זכרונות וועגן די גרעסטע חזנים.

אָבער דאָס גרעסטע און וויכטיקסטע ווערק פון זיין לעבן זענען די זאַמלונגען פון יידישן פאָלקס־ליד.

„דער פאָלקס־זינגער מנחם קיפּניס איז געווען ווי אַ פאַר־

מיטלער צווישן פאָלק און דיכטער"... — אַזוי כאַראַקטעריזירט אים ז. סעגאַלאָוויטש, וועלכער שרייבט אין זיין בוך „טלאָמאַצקע 13" צוו. אַנד.:

„יאָרן־לאַנג נאָכאַנאַנד האָט ער פאַר אונדז דערציילט קאָ־מישע מעשיות פון זינגער און חזנים און דאָס האָט זיך ביי אים קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט. ער האָט געהאַט אַ קוואַל פון פאָלקס־לידער, וואָס אין קאָנצערט־זאַל האָט מען זיי נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

דאָס, וואָס פאָלק האָט געשאַפן אין משך פון דורות, איז גע־ווען צופיל, אַז איין דור זאָל עס צונויפזאַמלען און קאָנצענטרירן. קיפּנים איז אין דער הינזיכט געווען דער גרעסטער זאַמלער. ער האָט פיל לידער באַארבעט מוזיקאַליש, ער האָט אַליין די לידער געזונגען און אַליין זיי אַרויסגעגעבן אין זאַמלביכער. פיל מאָל האָט ער אויך גערופן צו זיך אַהיים און געוויזן גאַנצע אוצרות, וואָס האָבן געוואַרט זייער תיקון, געוואַרט, אַז יידיש עולם זאָל זיי דערהערן. פיל לידער האָט ער פאַר מיר געזונגען און געלייענט. געווען אין די לידער פון פאָלק פיל טיפע איבעראַשונג, אַ געליי־טערטער יידישער חן. נשמה יידישע... דאָס איז אַלץ פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיטן פאָלק".

מנחם קיפּניס איז אויך געווען אַן אומגעוויינלעכער זאַמלער פון פאַרשידענע אָריגינעלע זאַכן.

ער האָט צום ביישפּיל געהאַט אַ גרויסע קאָלעקציע פון אַל־טע, אָריגינעלע קינסטלערישע שטעקנס, וואָס ער פלעגט צונויפ־קויפן בעת זיינע רייזעס און אין די אַנטיק־געשעפטן.

ער איז אויך געווען אַ קאָלעקציאָנער פון פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, פון פאַרשידענע מאַרקן און סיסטעמען.

די ליבהאָבעריי צו פאָטאָגראַפירן, די פאָטאָגראַפיעס צו פאַרגרעסערן און פאַרוואַנדלען אין קינסטלערישע בילדער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן דאָס צווייטע ליבלינגס־ווערק פון קיפּניסן.

זיין קאָלעקציע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען פון שטעט און שטעטלעך, אָריגינעלע יידישע געשטאַלטן און פּאָפּולערע יידישע

פֿערזענלעכקייטן איז מיט דער צייט געווען נישט אָרימער און נישט ווייניקער ווערטפֿול ווי זיין זאַמלונג פֿון פֿאָלקס־לידער.

ער האָט אַ סך בילדער פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער אילוסטריר־טער אויסגאַבע פֿון ניו־יאָרקער „פֿאָרווערטס" און אין פֿיל אַנ־דערע יידישע אילוסטרירטע זשורנאַלן. ער האָט אפֿילו איינגע־פֿירט אַ פּאָפּולערן פֿעליעטאָן אין „היינט" וועגן מענטשן, וואָס ער פֿלעגט פֿאָטאָגראַפֿירן.

ווען עס זאָל געלונגען צונויפֿזאַמלען די קאָלעקציע פֿאָטאָ־גראַפֿישע אויפֿנאַמען, וואָס קיפּניס האָט געמאַכט און פֿאַרעפֿנט־לעכט אין די צייטונגען און זשורנאַלן, וואָלט עס אויך געווען אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער געשיכטע פֿון דעם אַמאָליקן יידישן לעבנסשטייגער אין פּוילן.

מען דערציילט, אַז ווען די נאַציס האָבן באָמבאַרדירט וואַר־שע און חרוב געמאַכט דאָס הויז אויף וואָליצאָוו, האָט מען געזען קיפּניסן אַרומקריכן איבער די חורבות פֿון זיין וווינהויז און עפּעס זוכן. ווער ווייסט, צי ער האָט געזוכט די רעשטלעך פֿון זיין מאַ־טעריעלער רייכקייט — געלט און צירונג — וואָס קיפּניס האָט אָנגעזאַמלט אין משך פֿון זיינע יאָרן אַרבעט און דערפֿאָלג, אָדער האָט ער געזוכט די זאַמלונגען פֿון זיין גייסטיקער רייכקייט, די פֿאָלקס־לידער, מאַנוסקריפּטן און פֿאָטאָגראַפֿישע אויפֿנאַמען, וואָס האָבן קיפּניסן געגעבן די אומשטערבלעכקייט פֿון זיין נאָמען אויף לאַנגע דורות.

***

זמרה זעליגפֿעלדס ביאָגראַפֿיע איז נאָך אין ערגעץ נישט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן.

איך ווייס נישט גענוי ווו זי איז געבוירן געוואָרן. זי איז אָבער דורך און דורך געווען אַ וואַרשעווערין. לויט איר געמיט, לויט אירע געוווינהייטן און קודם־כל לויט איר טיפּיש וואַרשעווער אויסשפּראַך. מיטן פֿאַרצויגענעם וואַרשעווער ניגון דערצו. זי איז אַ טאָכטער פֿון אַ מלמד, אַן אייגנטימער פֿון אַ האַלב־מאָדערנעם חדר אויף טשעפּלע גאַס. זי איז געווען די עלטסטע טאָכטער ביי

אירע עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ היבש ביסל קינדער. אַלע שטאַרק ענלעך איינע צו די אַנדערע.

עס איז מיר אויך נישט באַוווסט ווען זמרה זעליגפעלד איז געבוירן געוואָרן. זי איז געווען יונגער פון קיפּניסן מיט מינימום 15 יאָר.

זי איז בטבע געווען אַ רואיקע, געמיטלעכע און האַרציקע פאָלקס־פרוי. אָן ספּעציעלע פּרעטענזיעס צו גאָט און צו דער וועלט. וועגן דער דערפילונג פון אירע אַרטיסטישע אַספּיראַציעס האָט שוין געזאָרגט איר מאַן קיפּניס.

ער האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ קינסטלערין און ער האָט איר פאַרשאַפן איר גרויסע פּאָפּולאַריטעט.

עס איז אייגנטלעך געווען אַ קאָלעקטיווע פּאָפּולאַריטעט: קיפּניס־זעליגפעלד.

גאָר זעלטן, און דאָס אויך אין די סאַמע לעצטע יאָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, פלעגט זמרה זעליגפעלד אַליין אויפ־טרעטן אויף קאָנצערטן. ווען זי איז אַליין אויפגעטראָטן האָט שוין איר שטערן אָנגעהויבן פאַרלאָשן צו ווערן. דער כוח פון איר דערפאָלג איז, ווייזט אויס, שטענדיק געווען דער העכסט־מוזיקאַ־לישער קיפּניס, הגם מיט גאָר אַ שוואַכער שטימע און זי מיט אַ שיינע סאָפּראַנאָ.

אָבער דער דערפאָלג פון דעם קיפּניס־זעליגפעלד־פּאָרל איז געווען נישט אַזוי ווייט די קונסט פון זינגען, ווי די קונסט פון אינ־טערפּרעטאַציע, פון אויסטייטשן דאָס פאָלקס־ליד. אין דער הינ־זיכט איז קיפּניס מיט זיין שוואַכער שטימע געווען מער מייסטער ווי זעליגפעלד מיט איר קלינגעדיקער שטימע.

אַלס יונג מיידל האָט זי קיפּניס באַקענט אין מ. שניאורס כאָר און זיך מיט איר שטאַרק פאַראינטערעסירט. איר שטימע און איר מוזיקאַלישקייט האָט זי אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע כאָר־זינגערינס.

ווען קיפּניס האָט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַר־לאָזט די וואַרשעווער אָפּערע און באַשלאָסן אויפצוטרעטן מיט קאָנצערטן פון יידישן פאָלקס־ליד האָט ער אַלס זיין פּאַרטנערין

מ. קיפּניס און ז. זעליגפעלד

(שאַרזש־צייכענונגען פון י. גאמבארג. פערעפנטלעכט אין יאָר 1919 אין „די אילוסטרירטע וועלט".)

איינגעלאַדן די יונגע זמרה זעליגפעלד, מיט וועלכער ער האָט מיט יאָרן שפּעטער, נאָכן טויט פון קיפּניסעס ערשטער פרוי, חתונה־געהאַט.

וויפיל באַרימטע יידישע זינגער זענען נישט געקומען קיין פוילן און געזונגען יידישע פאָלקס־לידער, וויפיל גרויסע חזנים מיט וועלט־נעמען האָבן נישט פאַרוואַנדלט דאָס יידישע פאָלקס־ליד אַלס טייל פון זייער רעפּערטואַר, — דאָס פּאָרל קיפּניס און זעליגפעלד זענען לאַנגע יאָרן פאַרבליבן די פּאָפּולערסטע און דער־פאָלגרייכסטע אויספירער פון דעם יידישן פאָלקס־ליד.

אויב מנחם קיפּניס האָט דורך זיין ווערק פון זאַמלען די יידי־שע פאָלקס־לידער זיי אַרויסגעשלעפּט פון דער פאַרגעסנהייט, האָט ער צוזאַמען מיט זמרה זעליגפעלד דורך זייערע קאָנצערטן איבער פיל אייראָפּעאישע לענדער, אויפגעלעבט דאָס יידישע

פאָלקס־ליד און עס איבערגעוואָרצלט צוריק אין דער יידישער פאָלקס־מאַסע ווי אַ פערפעקטע יידישע קונסט־שאַפונג.

דעריבער מוז מען צושרייבן אויך זמרה זעליגפעלד אַ באַ־דייטנדיקן חלק אין דער אויפלעבונג און פּאָפּולאַריזירונג פון דעם יידישן פאָלקס־ליד.

אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט קיפּניס געאַרבעט אין יידיש־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אין שרייבער־פאַריין א.ד.גל. און זיין פרוי זמרה זעליגפעלד פלעגט אויפטרעטן מיט קאָנצערטן פון יידישע פאָלקס־לידער אויף די קולטור־אונטערנע־מונגען אין וואַרשעווער געטאָ.

אין די פריער־דערמאָנטע זכרונות וועגן אומגעקומענע יידי־שע קינסטלער, שרייבט יאָנאַס טורקאָוו וועגן זמרה זעליגפעלד צוו. אַנד.:

„נאָך איר מאַנס טויט האָט זי אָפּגעהיטן די קיפּניס־לידער־זאַמלונג ווי אַן אויג אין קאָפּ און האָט אַלץ געהאָפט, אַז ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט זי פאַרעפנטלעכן די לידער־זאַמלונג און דורך זיין ליבלינגס־ווערק וועט פאַראייביקט ווערן קיפּניסעס נאָמען.

ליידער האָט דער גורל אַנדערש געוואָלט. בשעת דער „אויס־זידלונג" איז זמרה זעליגפעלד, דער אַמאָליקער ליבלינג פון די יידישע מאַסן, אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע, ווו זי איז פאַרשוווּנדן אויף אייביק צוזאַמען מיט דעם גרויסן קיפּניס־פאָלקס־לידער אוצר און צוזאַמען מיט די זעלביקע יידישע מאַסן, וועלכע זי האָט אַמאָל, צוזאַמען מיט איר מאַן מנחם קיפּניס, פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד".

***

אַרויסגעבנדיק איצט די זאַמלונג פון העכער הונדערט קיפּני־סעס פאָלקס־לידער אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנ־טום" דערפילן מיר אַ דאָפּלטע פליכט:

מיר לעבן אויף פאַרן יידישן לייענער די פּאָפּולערסטע לידער פון דעם יידישן פאָלקס־שאַפן און מיר דערמאָנען דער יידישער עפנטלעכקייט די נעמען פון די צוויי פּאָפּולערע און פאַרדינסט־

פולע יידישע פאָלקס־קינסטלער מנחם קיפּניס און זמרה זעליג־פעלד.

עס וועט זיכער נויטיק זיין צונויפצוזאַמלען און פאַרעפנטלעכן אין בוכפאָרם אַ רייע אַנדערע וויכטיקע שאַפונגען פון מ. קיפּניסן: זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן חזנים און חזנות, זיינע בעלעמער מע־שיות, זיינע הומאָרעסקעס א.ד.גל.

מיר האָבן מיט דער איצטיקער אויסגאַבע פון קיפּני־סעס פאָלקס־לידער־זאַמלונג געמאַכט אַן אָנהויב אין דער דאָזי־קער ריכטונג.

די העכער הונדערט יידישע פאָלקס־לידער זענען צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרן פון די צוויי בענד פון קיפּניסעס פאָלקס־לידער־זאַמלונגען, וואָס זענען דערשינען אין ווארשע, אין דעם פאַרלאַג א. גיטלין אין די יאָרן 1918 (דער ערשטער באַנד) און 1925 (דער צווייטער באַנד).

די דאָזיקע צוויי־בענדיקע לידער־זאַמלונג איז היינט אַ יקר־המציאות און איך דאַנק דעם איבערגעגעבענעם ביכער־זאַמלער משה ליווא, וואָס האָט דאָס זעלטענע ווערק געגעבן צום איבער־דרוקן.

מאַרק טורקאָוו

בוענאָס־איירעס, פעברואר 1949.

ערשטער טייל

ליריש־ראמאנטישע און ליבעס־לידער

די גאָלדענע פּאַווע

Andante (פּאַמעלעך)



עס קומט צופליען די גאָלדענע פּאַווע
פון אַ פרעמדן לאַנד,
פון אַ פרעמדן לאַנד,
האָט זי פאַרלוירן דעם גילדענעם פעדער
מיט אַ גרויסן שאַנד.
} ביס

ס'איז נישט אַזוי דער גילדענער פעדער,
ווי די פּאַווע אַליין,
ווי די פּאַווע אַליין,
עס איז נישט אַזוי דער איידעם
ווי די טאָכטער אַליין.
} ביס

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַ פֿייגעלע אויף דעם ים,
אַ פֿייגעלע אויף דעם ים,
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער, } בים
ביי אַ שלעכטן מאַן.

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַ פֿייגעלע אָן אַ נעסט,
אַ פֿייגעלע אָן אַ נעסט,
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער } בים
שווער און שוויגערס קעסט.

מאַמעניו, ליובעניו

Andante (פאַמעלער)



מאַמעניו, ליובעניו, קרוינעלע, האַרצעלע,
שוויג שוין אַ ווײַלינקע שטיל! (בים)
לעש אין מיר מײַן העלישן פֿײַער
און גיב מיר שוין וועמען איך וויל! } בים

איך האָב זיך אײַנגעליבט אין אַ שײן ייִנגעלע,
שײן ווי אַ רענדל גאָלד. (בים)
אים, מאַמעניו, האָב איך געליבט
און אים האָב איך טאַקע געוואָלט. } בים

שפּאַצירן, דושעס-לעבן, זענען מיר געגאַנגען
אַרום און אַרום דעם בולוואַר; (בים)
אַלע מיידעלעך, שפּילן ליבעס, } בים
און איך בין געבליבן צום נאַר.

שפּאַצירן, דושעס-לעבן, זענען מיר געגאַנגען
אַרום און אַרום דעם גראָז; (בים)
וואָס פאַר אַן אומחן האָסטו אויף מיר געוואָרפן, } בים
געוואַלד, איך וויים נישט פאַרוואָס!

אַ חלום, טאַטעניו, אַ חלום, מאַמעניו,
אַ חלום האָט זיך מיר געדאַכט; (בים)
זיינע שיינע בעקעלעך, מיט די שוואַרצינקע
אייגעלעך, } בים
האָבן מיך קראַנק געמאַכט!

די ביימעלעך בליען, די יאָרעלעך פליען,
די צייט גייט אַוועק מיטן רויך; (בים)
אָי, זינט איך האָב זיין ליבע דערקענט, } בים
פון וויינען האָב איך שוין קיין כח!

מיינע צרות האָבן מיך אַרומגערינגלט,
אַזוי ווי אַ בעדנאַרזש אַ פאַס; (בים)
היינטיקע יינגעלעך איז אַזוי פיל צו גלויבן, } בים
אַזוי ווי דעם הונט אויפן גאַס!

אַ מיידל אין די יאָרן

Moderato (מיטל באַוועגט)



I

איך בין שוין אַ מיידל אין די יאָרן,
וואָס האָסטו מיר דעם קאָפּ פאַרדרייט;
איך וואָלט שוין לאַנג אַ כלה געוואָרן, } בים
און אפשר טאַקע חתונה געהאַט.

II

דו האָסט מיר צוגעזאָגט נעמען,
איך האָב אויף דיר געוואַרט;
פאַרוואָס זאָלסטו, דושעניו, מיך פאַרשעמען, } בים
צי האָסטו דיך אין מיר גענאַרט.

III

און אפשר גייט דיר, קעצעלע, אין נדן,
די מאַמע וועט פאַרקויפן די שטוב;
מיר וועלן ביידע חתונה האָבן, } בים
ווייל איך האָב דיך ליב!

IV

און אפשר ווילסטו וויסן מיין יחוס,
דער זיידע איז געווען אַ רב;
לאָמיר זשע ביידע חתונה האָבן, } בים
און זאָל שוין נעמען אַ סוף...

א ליד פון א פייגעלע

Andante (פאַמעלעד)



I

איך גיי אַרוים אויפן גאַניקל, } בים
דאָס שטעטעלע באַקוקן.
קומט צופליען אַ קליין פייגעלע } בים
און טוט זיך צו מיר בוקן.

II

נישט אַזוי דאָס קליינע פייגעלע, } בים
ווי איר שיינער פליען.
זי וואַרפט אַראָפּ מיר אַ קליין בריוועלע, } בים
איך טו עס גלייך באַקומען.

III

איך לייען־איבער די ערשטע שורהלע —
דער געליבטער איז פארדאָרבן,
איך לייען איבער די צווייטע שורהלע
דער געליבטער איז געשטאָרבן!
קלויבט צונויף אַלע מיינע חברטעס,
אַלעמען אינאיינעם,
ווער ס'האָט נאָר אַ ליבע געפירט
זאָל מיר העלפן וויינען!

פֿייגעלע איז געווען אַ ווױלע מויד

Moderato (באַוועגט)



I

פֿייגעלע איז געווען אַ ווױלע מויד,
זי האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געליבט; (ביס)
איינמאָל האָט זי זיך פֿאַרן טויער געשטעלט,
דאָס האַרץ איז געווען איר באַטריבט,
איז פֿאַרביי געגאַנגען אַן אָפֿיציר
און האָט זיך אין איר פֿאַרליבט.

II

זי איז מיט אים שפּאַצירן געגאַנגען,
זיין שווערד האָט געטון אַ קלינג; (בים)
אָך און וויי איז דאָך צו מיר,
איך בין דאָך אַ יידיש קינד. } בים

III

וואָס גייסטו נישט אַהיים צו דיין ווייב און קינד,
זיי ווייסן דאָך נישט ווו דו ביסט; (בים)
איך קען דאָך מיט דיר נישט חתונה האָבן
ווייל דו ביסט אַ קריסט. } בים

IV

אין אַ שלעכטן וועטער, צוועלף ביינאַכט,
דאָס האָט זיך דאָס אומגליק געטראָפן; (בים)
ער האָט זי פאַרן טויער אָפּגעוואַרט,
און האָט זי מיט אַ מעסער דערשטאָכן. } בים

V

זי האָט געשריגן: שוועסטער, מאַך אויף!
איך בין דאָך אין אַ גרויסער נויט; (בים)
און איידער די שוועסטער האָט די טיר
אויפגעמאַכט
איז פייגעלע געלעגן שוין טויט. } בים

אַ חברטע

Con pensiero (לאַנגזאַם און באַטראַכט)



I

אוי, איינע צוויי ווערטער האָט ער געטון מיר ריידן,
אַזוי האָט ער זיך איינגעליבט אין מיר, אוי איז מיר;
אוי, גאָט זאָל אים צאָלן אין אַלע זיינע וועגן, } בים
דעם תכלית, וואָס ער האָט געמאַכט פון מיר.

II

אַ חברטע, אוי אַ חברטע האָב איך געהאַט אַ געטרייע
וואָס געטרייער קאָן שוין גאָרנישט זיין, אוי נישט זיין;
אוי, מיט אירע פאַלשע ווערטער האָט זי
אים צוגענומען, } בים
געבליבן בין איך עלנט ווי אַ שטיין.

III

אַ חברטע, אוי אַ חברטע האָב איך געהאַט אַ געטרייע,
פון אַלע סעקרעטן האָט זי ביי מיר געוווסט, אוי געוווסט
אוי, היינט טוט מען זינגען, אין אַלע גאַסן קלינגען, } בים
אַז מיין סטראַדאַניע איז געווען אומזיסט.

IV

חברטעס, אוי חברטעס, נעמט זיך אַלע אין איינעם,
אוי נעמט אַראָפּ אַ מוסר זיך פון מיר, אוי פון מיר;
אוי, גאָט זאָל אייך היטן, אוי פון אַ פאַלשער ליבע, } בים
אַזוי ווי איינעם פון אַ יונגן טויט.

V

אוי, היינט איז מיר ביטער, און צו דערצו נאָך פינצטער,
וואָס ערגער, מאַמע, קאָן שוין גאָרנישט זיין, אוי נישט זיין;
אוי, אַ שטיין אויף מיין האַרצן, אוי, וועל
איך זיך אויפהענגען, } בים
און וועל זיך וואַרפן, אוי, אין ים אַריין.

VI

אַזוי ווי איך בין אין ים אַריינגעפאַלן,
געוואָרן איז אַ שטורעם מיט אַ ווינט, אוי אַ ווינט;
אוי, אַז מיין מאַמע זאָל וויסן, אַז איך טו זיך
טרינקען, } בים
געלאָפן וואָלט זי ראַטעווען איר קינד.

אַמאָל איז געווען אַ מעשה

Andantino (פּאַמעלעך)



אַמאָל איז געווען אַ מעשה,
די מעשה איז גאָר נישט פריילעך,
די מעשה הויבט זיך אָנ׳עט
מיט אַ יידישן מלך.

ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד.
כ׳האָב אָנגעוווירן אַזאַ ליבע,
ווויי איז מיר און ווינד!

אַמאָל איז געווען אַ מלך,
דער מלך האָט געהאַט אַ מלכה,
די מלכה האָט געהאַט אַ וויינגאָרטן,
ליולינקע, מיין קינד.
ליולינקע, מיין פייגעלע, א. א. וו.

אין וויינגאָרטן איז געווען אַ ביימעלע,
דאָס ביימעלע האָט געהאַט אַ צווייגעלע,
אויפן צווייגעלע איז געווען אַ נעסטעלע,
אין נעסטעלע האָט געלעבט אַ פייגעלע.
ליולינקע, מיין פייגעלע, א.א.וו.

דער מלך איז אָפּגעשטאָרבן,
די מלכה איז געוואָרן פאַרדאָרבן,
דאָס צווייגעלע איז אָפּגעבראָכן,
דאָס פייגעלע פון נעסט אַנטלאָפן.
ליולינקע, מיין פייגעלע, א.א.וו.

ווו נעמט מען אַזאַ לייטער,
לאַנג פון טויזנט איילן;
ווו נעמען מען אַזאַ חכם,
ער זאָל קענען די שטערן ציילן!
ליולינקע, מיין פייגעלע, א.א.וו.

ווו נעמט מען אַזאַ חכם,
ער זאָל קענען מיינע וווּנדן ציילן?
ווו נעמט מען אַזאַ דאָקטאָר
ער זאָל קענען מיין הארץ היילן?
ליולינקע, מיין פייגעלע, א.א.וו.

אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג

Andante (פּאַמעלעך)



אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג,
אין שטיבעלע איז אַ פּאַרע;
כ'האָב אָפּגעלעבט מיינע יונגע יאָרן
ווי אין אַ פינצטערער כמאַרע. } בים

ווי אַ פינצטערע כמאַרע
איז דער טאָג פון מיין געבוירן;
איך האָב געהאַט אַ טייערן דימענט
און האָב אים אָנגעווירן. } בים

איך האָב אים אָנגעווירן
און קען אים נישט געפינען;
שטיין שטייט ער פאַר מיינע אויגן,
נאָר איך קען צו אים נישט קומען. } בים

איך קען צו אים נישט קומען,
כ׳קען מיט אים נישט רעדן;
אוי, פון אונדזער הייסער ליבע
מוזן מיר זיך צושיידן! } ביס

מיר מוזן זיך צושיידן,
ווי דער גוף פון דער נשמה;
אוי, קיין גוטס זאָל דער נישט האָבן,
ווער עס דערלעבט אָן אונדז נקמה! } ביס

איך וועל זיצן און קלאָגן
ביז אין מיין גראָען צאָפּ,
ווייל מען האָט מיר צוגענומען
די קרוין פון קאָפּ. } ביס

די קרוין פון מיין קאָפּ,
די צווייגן פון דעם בוים;
מ׳האָט דאָך מיר צוגענומען
דעם שענסטן פאַרשוין! } ביס

אַלע וואַסערלעך לויפן אַוועק,
די גריבעלעך בלייבן ליידיק;
אוי, ווו נעמט מען אַזאַ מענטשן,
וואָס זאָל פאַרשטיין מיין ווייטיק? } ביס

אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין מענטש,
וואָס זאָל קענען די שטערן איבערציילן;
אַזוי איז אויך נישטאָ קיין מענטש,
וואָס זאָל קענען מיינע ווונדן היילן. } ביס

בראָנטשעלע

Moderato (לעבעדיק און באַוועגט)



I

ווער קלאַפּט דאָס אַזוי שפּעט ביינאַכט?
יאַנקעלע וואָליאַנטשיק?
— עפן, עפן, בראָנטשעלע, } בים
איך בין דיין קאָכאַנטשיק!

II

ווי קאָן איך דיר דען עפענען,
כ'האָב מורא פאַר מיין מאַמען.
— עפן, עפן, בראָנטשעלע, } בים
כ'וועל זיך גאָר נישט זאַמען!

III

ווי קאָן איך דיר דען עפענען,
כ'האָב מורא פאַר דעם טאַטן.
— עפן, עפן, בראָנטשעלע, } בים
ס'וועט דיר גאָר נישט שאַטן.

IV

ווי קאָן איך דיר דען עפּענען,
כ'האָב מורא פֿאַר מיין שוועסטער.
— עפן, עפן, בראַנטשעלע, } בים
ס'וועט זיין פֿאַר דיר בעסער!

V

ווי קאָן איך דיר דען עפּענען,
כ'האָב מורא פֿאַר מיין ברודער.
— עפן, עפן, בראַנטשעלע, } בים
מאַך נישט קיין גערודער.

VI

ווי קאָן איך דיר דען עפּענען,
כ'האָב מורא פֿאַר מיין פעטער!
— עפן, עפן, בראַנטשעלע, } בים
כ'וועל ניט קומען שפּעטער.

VII

ווי קאָן איך דיר דען עפּענען,
כ'האָב מורא פֿאַר מיין מומען.
— עפן, עפן, בראַנטשעלע, } בים
אַניט וועל איך מער נישט קומען...

גיי איך מיר שפּאַצירן

Andante Moderato (נישט פּאַמעלעך)



I

גיי איך מיר שפּאַצירן —
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
גיי איך מיר שפּאַצירן —
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
באַגעגנט מיך אַ העד — אַהאַ!
באַגעגנט מיך אַ העד — אַהאַ!

II

ער זאָגט, ער וועט מיך נעמען —
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!

ער זאָגט, ער וועט מיך נעמען —
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
ער לייגט עם אָפּ אויף זומער — אהאַ!
ער לייגט עם אָפּ אויף זומער — אהאַ!

III

דער זומער איז געקומען —
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
דער זומער איז געקומען —
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
ער האָט מיך נישט גענומען — אהאַ!
ער האָט מיך נישט גענומען — אהאַ!

יאָמע, יאָמע

Allegretto Scherzando (באַוועגט און וויציק)



I

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר שיכעלעך האָבן,
מוז מען גיין דעם שוסטער זאָגן...
— ניין, מאַמעשי, ניין,
דו קאָנסט מיך נישט פאַרשטיין,
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין!

II

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —

דאָס מיידעלע וויל אַ קליידעלע האָבן,
מוז מען גיין דער שניידערן זאָגן...
— ניין, מאַמעשי... אא״ו.

III

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ היטעלע האָבן,
מוז מען גיין דער פּוצערקע זאָגן...
— ניין, מאַמעשי... אא״ו.

IV

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר אוירינגלעך האָבן,
מוז מען גיין דעם גאָלדשמיד זאָגן...
— ניין, מאַמעשי... אא״ו.

V

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ חתנדל האָבן,
מוז מען גיין דעם שדכן זאָגן...
— יאָ מאַמעשי, יאָ,
דו קאָנסט מיך שוין פאַרשטיין —
דו ווייסט שוין וואָס איך מיין!

אַ יינגעלע פֿון פּוילן

Allegretto (נישט שטאַרק גיך)



I

די מאַמע איז געגאַנגען
אין מאַרק אַריין נאָך קוילן,
האָט זי מיר געבראַכט
אַ יינגעלע פֿון פּוילן;
אוי איז דאָס אַ יינגעלע,
אַ שיינס און אַ פֿיינס,
מיט די שוואַרצע אייגעלעך,
קעצעלע דו מיינס.

II

די מאַמע איז געגאַנגען
אין מאַרק אַריין נאָך קרויט,
האָט זי מיר געבראַכט
אַ יינגעלע פון בויד;
אוי איז דאָס אַ יינגעלע,
אַ שיינס און אַ פיינס,
מיט די ווייסע ציינדעלעך
קעצעלע דו מיינס.

III

איך האָב געגעסן מאַנדלען,
איך האָב געטרונקען ווייַן;
איך האָב געליבט אַ יינגעלע,
איך קאָן אָן אים נישט זיין.
אוי איז דאָס אַ יינגעלע,
אַ שיינס און אַ פיינס,
מיט די שוואַרצע הערעלעך,
קעצעלע דו מיינס.

לאָמיר זיך איבערבעטן

Allegretto (באַוועגט און קאָקעטיש)



I

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
שטעל דעם סאַמאָוואַר;   בים
לאָמיר זיך איבערבעטן,
זיי זשע נישט קיין נאַר.   } בים

II

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קויף אַ פּאָר מאַראַנצן;   בים
לאָמיר זיך איבערבעטן,
לאָמיר גיין טאַנצן.   } בים

III

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
וואָס שטייסטו ביי דער טיר? בים
לאָמיר זיך איבערבעטן,
גיב אַ קוק אויף מיר. } בים

IV

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
שעם זיך, עטיל דבורה! בים
לאָמיר זיך איבערבעטן,
די צייט איז אַן עברה. } בים

V

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קויף אַ פונט פיסטאַשקעס, בים
לאָמיר זיך איבערבעטן,
שענק מיר דיינע לאַסקעס. } בים

VI

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
גענוג שוין זיין ווי גוים; בים
לאָמיר זיך איבערבעטן,
לאָמיר שרייבן תנאים. } בים

העלף מיר גאָטעניו

(איבערגעגעבן דורך לייב גיידוס, גראָדנע)

Andante (לאַנגזאַם)



I

העלף מיר, גאָטעניו, איבערן וואַסערל,
העלף מיר, גאָטעניו, איבערן בריק;
מיר דערמאָנט זיך מיין טייער לעבן,
און שלאָפן שלאָף איך קיין נעכט נישט.

II

וויפיל נ'אָונטלעך מיר ביידע געזעסן,
וויפיל נ'אָונטלעך, שפעט אין דער נאכט;

וויפיל טרערעלעך מיר ביידע פארגאָסן,
און אונדזער ליבע ארויסגעבראכט.

III

דיינע אייגעלעך, שווארצע קערשעלעך
דיינע ליפעלעך — צוקער־זיס;
דיינע בעקעלעך — ראָזע בלומען,
עס קומט פון דיר נאָך ביז היינט א קוש.

די בייקע

Andante (פּאַמעלעך)



I

דער טאַטע איז געפאָרן אין באַלטע, (בים)
האָט ער מיר געקויפט אַ בייקע,
האָט ער מיר געקויפט אַ בייקע.

II

וויפיל האָט ער באַצאָלט פאַר דער בייקע, (בים)
צוויי מיט אַ האלבן טאָלער, מאַמע, דייקע,
האָט ער באַצאָלט פאַר דער בייקע.

III

ווער וועט דיר נייען די בייקע? (בים)
שרה די מאָדיסטקע, מאַמע, דייקע,
זי וועט מיר נייען די בייקע.

IV

ווען וועסטו אָנטון די בייקע? (בים)
שבת נאָכן קוגל, מאַמע, דייקע
וועל איך אָנטון די בייקע.

V

ווו וועסטו גיין מיט דער בייקע? (בים)
אין דעם גרינעם וועלדל, מאַמע, דייקע
וועל איך גיין מיט דער בייקע.

VI

מיט וועמען וועסטו גיין אין דער בייקע? (בים)
מיט אַ שיינעם בחור, מאַמע, דייקע
וועל איך גיין אין דער בייקע.

VII

וואָס וועט זיין דער סוף פון דער בייקע? (בים)
ער וועט מיך טאַקע נעמען, מאַמע, דייקע,
דאָס וועט זיין דער סוף פון דער בייקע.

ליג איך מיין קעפעלע

Moderato (לעבהאַפט)



I

ליג איך מיין קעפעלע אויף מיין מאַמעס בעטעלע,
גייט מיין מאַמע פאַרביי, נאָכאַנאַנד זי טוט און קוועלט:
שלאָף מיין טעכטערל הארצינקע,
אייגעלעך האָסטו שווארצינקע,
שלאָף געזונטעהייט, שלאָף געזונטערהייט.

II

ליג איך מיין קעפעלע אויף מיין טאַטנס בעטעלע,
גייט מיין טאַטע פאַרביי, נאָכאַנאַנד ער טוט און קוועלט:

שלאָף, מיין טעכטערל פיינינקע,
ביסט דאָך גאָר אַ שייניקע
שלאָף געזונטערהייט, שלאָף געזונטערהייט.

III

לייג איך מיר מיין קעפּעלע אויף מיין שוויגערס בעטעלע,
גייט מיין שוויגער פאַרביי, נאָכאַנאַנד זי טוט און שעלט:
מיין שנור איז קיין בריה נישט,
קיין מלאכה טוט זי נישט,
נאָכאַנאַנד זי טוט און שלאָפט,
נאָכאַנאַנד זי טוט און עסט.

IV

לייג איך מיין קעפּעלע אויף מיין מאַנס בעטעלע,
גייט מיין מאַן פאַרביי, נאָכאַנאַנד ער טוט און קוועלט:
שלאָף מיין ווייבעלע קליינינקע,
ציינדעלעך האָסטו שייניקע, —
שלאָף געזונטערהייט, שלאָף געזונטערהייט.

די מאַמע האָט מיך געשיקט

Moderato (מעסיק באַוועגט)



I

די מאַמע האָט מיך געשיקט
קויפן אַ יאַשטשיק;
האָט זיך אין מיר פאַרליבט
אַ בחור אַ פריקאַזטשיק.
אוי איז דאָס אַ בחורל אַ שיינס און אַ פיינס,
מיר פאַר זיינע ביינדעלעך, קעצעלע דו מיינס!

II

די מאַמע האָט מיך געשיקט
קוילן אַ הון;
האָט זיך אין מיר פאַרליבט
דעם שוחטס אַ זון.
אוי איז דאָס אַ שוחטל, אַ שיינס און אַ פיינס;
מיר פאַר זיינע ציינדעלעך, קעצעלע דו מיינס!

III

די מאַמע האָט מיך געשיקט
פרעגן אַ שאלה;
האָט זיך אין מיר פאַרליבט
דער רב אויף אַ ווײַלע.
אוי איז דאָס אַ רבלע, אַ שיינס און אַ פיינס;
מיר פאַר זיין שפּיץ יאַרמעלקעלע, קעצעלע דו מיינס!..

אין ווילדן וואַלד אַליין

Moderato (לעבהאַפּט)



I

וואָס טוט דאָס מיידל אין וואַלד אַליין? —
אַזוי זאָגט ער.
וואָס טוט דאָס מיידל אין וואַלד אַליין.
און ווער דאָרט איז און וואָס דאָרט איז?
אין ווילדן וואַלד אַליין, אין ווילדן וואַלד אַליין.

II

איך בין געקומען רויזן קלייבן —
אַזוי זאָגט זי.
איך בין געקומען רויזן קלייבן,

זאָל דער הער מיט מיר פֿאַרבלייבן
אין ווילדן וואַלד אַליין. (בים)

III

איך קאָן דאָס פֿאַר מיין פערד נישט טון —
אַזוי זאָגט ער.
איך קאָן דאָס פֿאַר מיין פערד נישט טון.
און ווער דאַרט איז א. א. וו.

IV

לאָז דיין פערד לויפן — אַזוי זאָגט זי.
לאָז דיין פערד לויפן. וועסט אַן אַנדער קויפן
אין ווילדן וואַלד אַליין. (בים)

V

איך קאָן דאָס פֿאַר מיין הונט נישט טון —
אַזוי זאָגט ער.
איך קאָן דאָס פֿאַר מיין הונט נישט טון.
און ווער דאַרט איז און וואָס דאַרט איז א. א. וו.

VI

לאָז דיין הונט בילן! — אַזוי זאָגט זי.
לאָז דיין הונט בילן, מיר וועלן ביידע שפילן.
אין ווילדן וואַלד אַליין. (בים)

VII

אָ, דו מיידל, דו ביסט בלינד —
— אַזוי זאָגט ער
אָ, דו מיידל, דו ביסט בלינד:
— איך דיין פֿאָטער, דו, מיין קינד,
אין ווילדן וואַלד אַליין. (בים)

אוי אברהם!

Con brío (מיטן קנאק)



I

אוי, אַבראַם, איך קען אָן דיר נישט זיין,
איך אָן דיר און דו אָן מיר קענען מירביידע נישט זיין
געדענקסטו, געדענקסטו בײ דעם טויער,
האָסטו מיר געזאָגט אַ סוד אין אויער;
אוי, וויי, רבקהניו, גיב זשע מיר דאָס פּיסקעניו!

II

אוי, אַבראַם, איך קען אָן דיר נישט זיין,
איך אָן דיר און דו אָן מיר איז ווי אַ קליאַמקע אָן אַ טיר.

געדענקסטו, געדענקסטו אויף דעם בולוואַר,
איך דער קלוגער און דו דער נאַר;
אוי ווײ, רבקהניו,
גיב זשע מיר דאָס פּיסקעניו!

III

אוי, אַבראַם, איך קען אָן דיר נישט זײַן,
איך אָן דיר און דו אָן מיר קענען מיר ביידע נישט זײַן;
געדענקסטו, געדענקסטו דאָס רויטע קליידל,
אוי, בין איך געווען אַ שיין מיידל
אוי ווײ, רבקהניו,
גיב זשע מיר דאָס פּיסקעניו!

אין דרויסן מאַמעליו האָט זיך פאַרכמאַרעט

(אויפגענומען ביי שלמה האכבערג, סאָקאָלאָוו)

Andante (לאַנגזאַם)



I

אין דרויסן מאַמעליו האָט זיך פאַרכמאַרעט,
און אין שטוב איז פינצטער ווי אַ גריב; (ביס)
דעם אמת ווייסטו, מיין טייער מאַמעליו,
אַז איך האָב אים אמת ליב. } ביס

II

איך האָב אים ליב, איך האָב אים ליב,
איך קאָן אָן אים נישט לעבן קיין איין מינוט; (בים)
אונ אַז איך זע אים נישט פאַר מיינע אייגעלעך
טריפן, טריפט זיך מיר טייכן בלוט. } בים

III

די לבנה שיינט, די לבנה שיינט
און אַרום איר שטערנדלעך גאָר פיין; (בים)
גרויסער גאָט, פאַרלעש דאָס ליכטעלע
זאָל עס ווי מיין מזל זיין. } בים

הושענה רבה אויף דער גאַנצער וועלט

(אויפגענומען ביי אפרים קאַגאַנאָווסקי)

Andante Moderato (מעסיק באַוועגט)



הושענה־רבה, אויף דער גאַנצער וועלט,
ווען די מיידעלעך גייען פון די פאַבריקן;
דרייט זיך אַרום דער שיינער הערמאַן, } בים
זיין כלה טוט ער אויסקוקן.

ווי ר'האָט זי דערזען פון דערווייטנס גייען,
אַזוי איז ער דאָך געבליבן שטייען:
„היינט איז געקומען די ליבע צייט } בים
דו זאָלסט מיר זאָגן, צי יאָ צי — ניין".

„יאָ צי ניין קאָן איך דיר נישט זאָגן,
ווייל מיינע עלטערן טוען מיר שטערן;

מיינע עלטערן זיי טוען מיר שטערן
איך זאָל פאַר דיר אַ כלה ווערן". } בים

אַזוי ווי הערמאַן האָט עס דערהערט,
האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן;
ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער,
דבורהן האָט ער דערשאָסן. } בים

אַזוי ווי ר'האָט זי דערשאָסן,
אַזוי איז ער דאָך געבליבן שטייען;
אַרויסגענומען האָט ער דעם רעוואָלווער
און האָט דערשאָסן זיך אַליין. } בים

קומט אַהער דבורהס חברטאָרינס,
און נעמט ענק אָפּ אַ ראיה:
איר האָט געזאָלט גייען צו דבורהס חתונה,
איצט וועט איר גייען צו איר לויה. } בים

וווּ ביזטו געווען?

(אויפגענומען ביי ז. סעגאַלאָוויטש)



I

וווּ ביזטו געווען,

אַז געלט איז געווען

און דער נדן איז געלעגן אויפן טיש?
היינט ביזטו דאָ,
אַז קיין געלט איז נישטאָ
און דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי מיאוס.

טראַ לאַ לאַ.

II

זוו ביזטו געוועזן,
אַז יוגנט איז געוועזן
און דאָס לעבן איז געוועזן צוקער־זיס?
היינט ביזטו דאָ,
אַז די האָר זענען גראָ
און דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי מיאוס.

טראַ לאַ לאַ.

III

זוו ביזטו געוועזן,
אַז יוגנט איז געוועזן,
דאָס האַרץ האָט מיט ליבע געברענט?
היינט ביזטו דאָ,
אַז דער קאָפּ איז שוין גראָ
און עס ציטערן ביי מיר שוין די הענט.

טראַ לאַ לאַ.

ביזטו מיט מיר ברוגז

(אויפגענומען ביי דניאל לייבל)

Moderato (מעסיק באַוועגט)



I

ביזטו מיט מיר ברוגז,
ווייס איך נישט פאַרוואָס;
גייסט אַ גאַנצן טאָג אַרום
אַראָפּגעלאָזט דעם נאָז. טאַ דאַ ראַ...

II

אפשר ווילסטו וויסן,
אַז איך האָב דיך ליב;
לאָמירביידע אַריבערפאָרן
צו דעם גוטן ייִד. טאַ דאַ ראַ...

III

צו אַ גוטן יידן,
אַ פּדיון אים אָפּגעבן;
זאָל ער פאַר אונדז גאָט בעטן
אויף אַ גוט לעבן. טאַ דאַ ראַ...

IV

אוי, דער גוטער ייד,
ער וועט דאָך אונדז בענטשן,
אַז מיר זאָלן בײדע פון היינט אָן
ווייטער זיין מענטשן. טאַ דאַ ראַ...

V

און, אַז מיר וועלן פאָרן
צוריק פון גוטן ייד,
וועלן מיר ביידע אַריבערפאָרן
אין זעלווע אויפן יאַריד. טאַ דאַ ראַ...

VI

דאָרט וועל איך דיר קויפן
אַ זייגער און אַ קייט
און אַ גרויסע שיינע שטיק
זיידנס אויף אַ קלייד. טאַ דאַ ראַ...

VII

טאָ זיי זשע מער נישט ברוגז
און גרייט אויף גיך צום טיש,
און זעץ זיך מיט מיר עסן,
באַקומסטו פון מיר אַ קיש. טאַ דאַ ראַ...

ער זעצט זיך אַנידער

(אויפגענומען ביי ה. ד. נאָמבערג)



I

ער זעצט זיך אנידער צו איר אויפן בעט,
ער גיט איר אַ קוש ער גיט איר אַ גלעט;
ער זאָגט איר: דבורה־לעבן, דו ביזט דאָך מיין,
שווערן, שווער איך דיר ביי מיין לעבן, ס'וועט דיר
גאַרנישט זיין.

II

אלע מיידעלעך וועלן צוקערלעך נאַשן,
און איך וועל מוזן ווינדעלעך וואַשן;
אוי וויי, מאַמעליו, ווי איז מיר און ווינד!
וואָס וועל איך טון, אַז איך וועל האָבן אַ קליין קינד?

בײ אַ טײַכעלע

(אױפֿגענומען אין ביאַליסטאָק)

Moderato (נישט גיך)



I

בײ אַ טײַכעלע װאַקסט אַ בײמעלע,
װאַקסן אױף איר צװײַגן
מיט אַלעמען רעדסטו,
מיט אַלעמען ביזטו פֿרײַנטלעך,
נאָר מיך הײסטו שװײַגן!

II

בײ אַ טײַכעלע װאַקסט אַ בײמעלע,
װאַקסן אױף אים בלומען;

פרעג איך דיר, ליבסטער,
ווען וועסטו קומען,
וועסטו שוין אמאל קומען?

III

ביי א טייכעלע וואקסט א ביימעלע,
וואקסן אויף איר בלעטער;
אוי, פרעג איך דיר, ליבסטער,
ווען וועסטו קומען,
ליגסט אלץ אפ אויף שפעטער...

ביס

דו זאָלסט נישט גיין מיט קיין פּאָטשייעווער מיידלעך

(אויפגענומען ביי דבורה אייזענבערג, ווארשע)

I

דו זאָלסט נישט גיין מיט קיין פּאָטשייעווער מיידעלעך,
דו זאָלסט נאָר גיין מיט מיר;
דו זאָלסט נישט גיין צו דיין מאמעליו אין שטיבעלע,
נאָר קומען זאָלסטו צו מיר.

טראַלאַ לאַ א. א. וו.

II

ווו איז דאָס געסעלע, ווו איז דאָס שטיבעלע?
ווו איז דאָס יינגעלע, וואָס איך האָב ליב?
— נישטאָ דאָס געסעלע, נישטאָ שוין דאָס שטיבעלע,
נישטאָ שוין דאָס יינגעלע, וואָס איך ליב.

טראַלאַ לאַ א. א. וו.

III

אַ ליבע פאַנגט זיך אָן פון אַ שמייכל,
פון אַ שמייכל ביז צו אַ קוש;
עס נעמט אָוועק ביים קלוגסטן דעם שכל,
דאָס קלוגסטע מיידל מאַכט דאָס צו נישט.

טראַלאַ לאַ א. א. וו.

Andante (פּאַמעלעך)



אוי, ווי, טאָכטער, ס'איז שוין צען אזייגער

(אויפגענומען ביי אפרים קאַגאַנאָווסקי)

Andante (פּאַמעלעך)



I

אוי, ווי, טאָכטער,
ס'איז שוין צען אזייגער; } בים
ס'איז שוין צען אזייגער,
גיי אין שטוב אריין
און זאָל זיך דיר אויסווייזן,
דו ביזט מיט אים געגאַן.

II

— אוי, ווי, מאַמע,
סע'ברענט אין מיר אַ פייער,
דעם וואָס איך האָב אמת ליב,
אוי, דער איז ביי מיר טייער;
אוי, דעם וואָס איך האָב אמת ליב,
אוי, דעם ווער איך אָן;
אוי, דעם וואָס איך האָב אמת פיינט,
צו דעם, אוי, קום איך אָן.

לאָמיר בײדע אַ ליבע פירן

(אויפגענומען ביי הערש ליב שטערן, ציעכאַנאָוו)

Andante (נישט גיך)



לאָמיר ביידע אַ ליבע פירן,
לאָמיר ביידע זיין פון גאָט אַ פּאָר; (בים)
שווערן שווער איך דיר ביי גאָט און ביי מענטשן, }
אַז וואַרטן וועל איך אויף דיר צוויי-דריי יאָר. } בים

II

צוויי-דריי יאָר וועל איך אויף דיר וואַרטן,
אפילו פינף יאָר איז מיר אויכעט כדאי; (בים)
געלט אין פּאַלק אַריין וועל איך דיר שיקן }
און איך וועל מיך מוטשען ביי דער שניידעריי. } בים

III

גנב׳ע דיך ארוים פון דיינע עלטערן,
און קום צו מיר אין וואקזאל אריין; (בים)
אפגעזעגנט זיך און אפגעקושט זיך
און גלייך אין וואגאן אריין. } בים

IV

דער פאטשאנג*), מאמעליו, איז שוין לאנג אפגעגאנגען,
ביי יעדער סטאציע בלייבט ער שטיין; (בים)
ווען איך דערמאן זיך אין מיין טייער לעבן,
טו איך מער נישט נאר קלאג און וויין. } בים

*) דער צוג.

צווייטער טייל
פאלקסטימלעכע לידער

אין חדר

(ווערטער און מוזיק פון מ. מילגער)

קום אַהער, יינגעלע, גענטער צו מיר
און טו אַ קוק אין די קליינע אותיולעך,
טייערע אותיולעך, גאָלדענע אותיולעך,
גיכער, גיכער, קום אַהער!
האָב קיין מורא נישט, שרעק זיך נישט.
אָט אַזוי, זעץ זיך אַוועק און הער אויס מיט קאָפּ.
זעץ זיך! אָט אַזוי הער זיך צו:
קמץ אלף אָ, קמץ בית — באָ, קמץ גימל — גאָ,
קמץ דלת — דאָ.
פּתח אַלף — אַ, פּתח בית — באַ, פּתח גימל — גאַ, פּתח דלת — דאַ,
אָט אַזוי, יינגעלע, אָט אַזוי דאַרף מען לערנען,
יינגעלע, אַ וויי, טייער יינגעלע,
טו אַ קוק אין סידור און זאָג נאָך אַמאָל
קמץ אַלף — אָ, קמץ בית — באָ. העכער!
שטאַרקער! אָ, באָ. אָט אַזוי דאַרף מען לערנען. יינגעלע אָ, באָ, גאָ, דאָ, העכער, שטאַרקער!
אָט אַזוי דאַרף מען לערנען, יינגעלע: אָ, באָ, גאָ,
אָט אַזוי, פריילעכער, לעבעדיקער, גענאַרניק,
אָט אַזוי, יינגעלע, דאַרף מען לערנען תורה,
תורה איז די בעסטע סחורה.
וואָלסט געוועזן אַ טייער יינגעלע, זאָלסט ניט זיין אַ גענאַרניק,
אַי ביסטו אַ גענאַרניק יינגעלע,


Andante
(פריי אָבער פּאַמעלך)
און ,מיר צו טער-הענ-נע לע-גע-אַנ הער-אַ קום.
לעך-תיו-או נט-קליי די אין קוק אַ טהו
לעך-תיו-או נע-דע-ניל ,לעך-תיו-או רע-ע-טיי
ניט זיך שרעק,ניט ראַמו קיין האָב הער-אַ קום,כער-ני,כער-ני
קאָפּף מיט אויס הער און וועק — אַ זיך זעץ ,זוי-אַ אַט
בָּ בֵית מץ-קָ ,אָ לף-אָ מץ-קָ :צו זיך הער ,זוי-אַ אָט, זיך זעץ,
אָ לף-אַ תח-פַּ ,דָ לד-דַ מץ-קָ ,גָ מל-ני מץ-קָ
גָ מל-ני תח-פַּ ,גָ מל-גי תח-פַּ ,בָּ בֵית תח-פַּ


timidamente
meno mosso



גענוג שוין, פאַרמאַך דעם סידור.

ביזט פריי!

געדענק מיין קינד, אַ ייד דאַרף לערנען תורה.

אַזוי זאָגט אונדז דער הייליקער בורא.

אַז מען וועט דיך פרעגן, וואָס האָסטו געטון אין הדר

זאָלסטו זאָגן, האָסט געלערנט תורה,

געדענק, תורה, נאָך אַמאָל — תורה.

תורה, תורה, תורה.

העמערל

(ווערטער פון אברהם רייזען, מוזיק פון א. מ. בערנשטיין)

Moderato (נישט גאַר גיך)



אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשוואָק נאָך אַ טשוואָק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין נישטאָ,
נאָר צרות און לייד אָן אַן עק!

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
עס שלאָגט שוין דער זייגער באַלד צוועלף —
די אויגן, זיי מאַכן זיך צו —
גיב כּח, אָ גאָטעניו, העלף!..

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך:

ביז מאָרגן מוז פּאַרטיק שוין זיין
דער גבירהטעס טאָכטערשעס שיך.

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
נישט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס!
מיין איינציקער שפּייזער ביזטו,
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס!..

שטערנדל

(ווערטער פון מ. קולבאק, מעלאָדיע פון קיפּניסעס זאמלונג)



I

שטערנדל, שטערנדל,
בלויער שטאָפּעטעלע,
זיי מיר אַ שליחל,
פאַל אין מיין שטעטעלע.

II

זען וועסט אַ געסעלע,
נאָכדעם אַ גריבעלע,
דאָרטן געפינט זיך
מיין חרובע שטיבעלע. } בים

III

עלנט, אַליין, ביי דער
פינצטערער שייבעלע,
זיצט דאָרט פאַרטרויערט
און דאגהט מיין ווייבעלע. } בים

שטערנדל א. אַ. וו.

IV

טרייסט איר, דו שטערנדל,
לייכט איר אין שטוב אַריין.
זאָג איר, דער אויבערשטער
וועט זיך מרחם זיין. } בים

V

פרעג: וואָס מאַכט יענקעלע
לאהצע און ריבהלע;
זאָג זיי: איך וויין און
איך קוש זייער בריוועלע.

שטערנדל א. אַ. וו.

VI

זאָג זיי, אַז יענקעלען
זאָל מען נישט זשאַלעווען,
געבן אין חדר,
גענוג אים צו באַלעווען. } בים

VII

זאָל ער זיך אויסלערנען
קדיש ווי ס'דאַרף צו זיין,
אפשר... מען ווייסט נישט...
נאָר גאָט וועט מרחם זיין!

VIII

שטערנדל, שטערנדל,
בלויער שטאַפּעטעלע,
זיי מיר אַ שליחל,
פאַל אין מיין שטעטעלע. } בים

מאַרגאַריטקעלעך

(ווערטער פון ז. שניאור, מוזיק פון קיפּניסעס זאַמלונג)

Moderato (גראַציעז באַוועגט)



אין וועלדל ביים טייכל, דאָרט זענען געוואַקסן
מאַרגאַריטקעלעך, עלנט און קליין —
ווי קליינינקע זונען מיט ווייסינקע שטראַלן,
מיט ווייסינקע טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

געגאַנגען איז חוהלע שטיל און פאַרחלומט,
צעלאָזן די גאָלד-בלאָנדע צעפּ, —
דאָס העלדזל אַנטבלויזט און געמורמלט-געזונגען
אַ לידעלע: טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

דאָ קומט איר אַנטקעגן אַ בחור אַ שוואַרצער,
מיט לאָקן מיט שוואַרצע, ווי פּעך;
ער פלאַמט מיט די אויגן און ענטפערט איר לוסטיק,
און ענטפערט איר: טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— וואָס זוכסטו דאָ, מיידל? וואָס האָסטו פאַרלוירן?
וואָס ווילסטו געפינען אין גראָז?
„איך זוך מאַרגאַריטקעס", — פאַררויטלט זיך חוה,
פאַררויטלט זיך טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— דו זוכסט נאָך? און איך האָב שוין טאַקע געפונען
די שענסטע מאַרגאַריטקע אין וואַלד,
אַ מאַרגאַריטקע מיט צעפּ און מיט אויגן סאַפּירן,
מיט אייגעלעך טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— ניין, כ'האָב שוין מאַרגאַריטקעס, איך האָב זיך פאַרגעסן —
איך זוך... דאָ נישט ווייט איז אַ קוואַל...
— דער קוואַל איז געשלאָסן, אָן מיר בלייבסטו דורשטיק,
ביים קוועלכעלע טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— איך וויל גאָרנישט טרינקען, איך זוך מיך אַ שאָטן
די זון באַקט אַריין אַזוי היים...
— מיינע האָר זענען שוואַרצער און קילער ווי שאָטנס
אין וועלדעלע טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— אָ, לאָז מיך, מען טאָר ניט; די מאַמע זאָגט, מ'טאָר ניט
מיין מאַמע איז אַלט און איז בייז.
— ווו מאַמע? וואָס מאַמע? דאָ זענען נאָר בוימער,
נאָר ביימעלעך טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— „מען זעט" — קיינער זעט נישט, „מען הערט!" —
קיינער הערט נישט

דאָס וועלדל איז בלינד און געדיכט.
אומאַרעם מיך, זיסע, דו זעסט, איך בין רואיק
איך קוש דיך נאָר — טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

— דו ליבסט מיך? — „איך ליב דיך!" — „דו שעמסט דיך?"
„איך שעם מיך!"

— אָ, ליב מיך און שעם דיך און שווייג.
און זע ווי עס מישן זיך פעך-שוואַרצע קרייזן
מיט גאָלדענע... טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

די זון איז פאַרגאַנגען, דער בחור — פאַרשוווּנדן
און חוהלע זיצט נאָך אין וואַלד.
זי קוקט אין דערווייטנס און מורמלט פאַרחלומט
דאָס לידעלע: טראַ-לאַ-לאָ-לאָ...

צוליב דער גרויס פון ליד קאָן דער זינגער דעם 8-טן און 9-טן פערז אַרויסלאָזן. דער זינגער קאָן אויך ביי דער רע־פּעטיציע „ווי קליינינקע זונען" און אַזוי ביי די אַנדערע פּערזן זינגען צום 2-טן מאָל די מעלאָדיע, אַזוי ווי עס ווייזן די קליינע נאָטעלעך.

מאַי קאַ משמע לן

(ווערטער פון אברהם רייזען, מוזיק פון קיפּניסעס זאמלונג)

Moderato (נישט גאָר גיך)



מאַי קאַ משמע לן דער רעגן?
וואָסזשע לאָזט ער מיר צו הערן?
ויינע טראָפּנס אויף די שויבן
קויקלען זיך, ווי טריבע טרערן.

און די שטיוול איז צעריסן,
און עס ווערט אין גאַס אַ בלאָטע;
באַלד וועט אויך דער ווינטער קומען —
כ'האָב קיין וואַרימע קאַפּאָטע...

מאי קאַ משמע לן דאָס ליכטל?
וואָסזשע לאָזט עס מיר צו הערן?
ס'קאַפּעט און עס טריפט איר חלב
און ס'וועט באַלד פון איר נישט ווערן.

אַזוי צאַנק איך דאָ אין קלייזל,
ווי אַ ליכטל, שוואַך און טונקל,
ביז איך וועל אַזוי מיר אויסגיין
אין דער שטיל אין מזרח-ווינקל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאי קאַ משמע לן דער זייגער?
וואָסזשע לאָזט ער מיר צו הערן?
מיט זיין געלבן ציפער-בלעטל,
מיט זיין קלינגען, מיט זיין שווערן?

ס'איז אַן אָנגעשטעלטע כלי,
ס'האָט קיין לעבן, קיין געפילן,
קומט די שעה, דאָ מוז ער שלאָגן
אָן זיין רצון, אָן זיין ווילן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאי קאַ משמע לן מיין לעבן?
וואָסזשע לאָזט ער מיר צו הערן?
פוילן, וועלקן אין דער יוגנט,
פאַר דער צייט פאַרעלטערט ווערן.

עסן טעג און שלינגען טרערן,
שלאָפן אויפן פויסט דעם הארטן,
טויטן דאָ די „עולם הזה"
און אויף עולם הבא וואַרטן...

בעריאָזקעלע

(ווערטער פון דוד איינהאָרן, מוזיק פון קיפּניסעס זאַמלונג)

Lento (פּאַמעלעך)



I

רואיק, רואיק שאָקלט איר געלאָקטעם גרינעם קעפּל
מיין ווייסינקע בעריאָזקעלע און דאַוונט אָן אַ שיעור;
יעדעס, יעדעס בלעטעלע אירס שעפּטשעט שטיל אַ תפילה
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפּלל אויך פאַר מיר.

II

איך בין דאָ אָן עלנטער געקומען פון דער ווייטן,
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאַן׳ און פרעמד
איז מיר זיין שפּראַך;
ניט ער וועט מיין טרויער זען און ניט פאַרשטיין מיין תפילה,
כאָטש איך וועל מתפלל זיין, מתפלל זיין אַ סך.

III

פון ווייטן מערב האָט זיך טרויעריק פאַרגנבעט
אין די דינע צווייגעלעך אַ ראָזער צאַרטער שטראַל;
און אַ שטילן קוש געטון די בלעטעלעך די קליינע,
וועלכע האָבן דרעמלענדיק געהאָרכט דעם נאַכטיגאַל.

IV

פון די ווייטע פעלדער איז אַ ווינטעלע געקומען
און דערציילט די בלעטלעך לעגענדעס אָן אַ שיעור.
עפּעס האָט אין הארצן טיף ביי מיר געגומען בענקען
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפלל אויך פאַר מיר.

אויף דעם בוידעם שלאָפט דער דאַך

(ווערטער פון ב. שאַפּיר, מוזיק פון קיפּניסעס זאמלונג)

Andante (פּאַמעלעך)



I

אויף דעם בוידעם שלאָפט דער דאַך
צוגעדעקט מיט שינדעלעך;
און אין וויגל ליגט אַ קינד
נאַקעט גאָר אָן ווינדעלעך

האָפּ, האָפּ, אָט אזוי,
עסט די ציג פון דאַך דעם שטרוי;
האָפּ, האָפּ, אָט אזוי.

II

אויפן בוידעם שטייט אַ וויג,
וויגט זיך דאָרט אַ שפּין אין איר;

ציט ער פון מיר דאָס חיות אוים
און דעם דלות לאָזט ער מיר
האָפּ, האָפּ, א. אַ. וו.

III

אויפן בוידעם שטייט אַ האָן
און זיין קאַם איז פייער־רויט;
זאָל מיין ווייב ערגעץ באָרגן
פאַר די קינדער אַ שטיקל ברויט.
האָפּ, האָפּ, א. אַ. וו.

דריי נייטאָרינס

(ווערטער פון י. ל. פּרץ)

Andante (פּאַמעלעך)



די אויגן רויט, די ליפּן בלוי,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוויים,
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און היים —
עס זיצן דריי מיידלעך און נייען

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די נאָדל — בלאַנק, די לייוונט — שניי,
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי!
איך ניי ביי טאָג, איך ניי ביי נאַכט,
קיין חופּה-קלייד זיך נישט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס איך ניי?

נישט איך שלאָף, און נישט איך עס...
איך וואָלט געגע'ן אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיט:
אָן אַלמן כאָטש, אָן אַלטן ייד
מיט קינדערלעך אַ שאָק!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די צווייטע טראַכט: איך ניי און שטעפּ
און שטעפּ מיר אוים נאָר גרויע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלייף — די האַקט
און די מאַשין — קלאַפּט צו צום טאַקט:
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פאַרשטיי דאָך יענעמס ווינק?
אָן אַ חופה, אָן אַ רינג,
וואָלט געווען אַ שפּיל, אַ טאַנץ,
אַ ליבע אויף — אַ יאָר אַ גאַנץ!
נאָר דערנאָך, דערנאָך?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:
איך ניי מיר קראַנק, איך ניי מיר בלינד!
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך —
און ער האָט חתונה די וואָך!
איך ווינטש אים נישט קיין שלעכטס!

עט, פאַרגעסן וואָס אַמאָל!..
תכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויך אַ קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן!

סלושאי

(ווערטער פון גאנץ מייער, פריי איבערגעזעצט דורך ש. אנסקי,
מוזיק פון קיפּניסעס זאמלונג)

ווי שווארצע מחשבות ביים מסור אין זינען,
איז פינצטער פון טיף־הארבסט די נאכט,
נאך שווארצער פאר איר איז די תפיסה, דער בנין;
וואס שטייט ווי א דמיון פארטראכט.

עס גייען אום רונד און ארום איר די ווערכטער
און ס׳ציט זיך דער לאנגזאמער שריי,
ווי עמיצער שרייט אונטער מעסער ביים שעכטער:
סלו־שא־אי! סלו־שא־אי!!

כאטש הויך איז די וואנט ארום פינצטערן מויער,
די שלעסער — געגאסענע שטאל,
כאטש אלץ איז פארזונקען אין אומעט און טרויער
מען הערט נישט קיין מענטשלעכן קול. —
און דאך איז די תפיסה נאך ווייט נישט געשטארבן,
דו, ווערכטער, פארדרעמל נישט זיי,
נישט גלויב, אז אין תפיסה שלאפט רואיק א קרבן!
סלו־שא־אי! סלו־שא־אי!!

אט שטייט דער פארהאפטער ביים פענצטער דעם הויכן,
דער קאפ ביי דער גריל, שטארק פארטראכט
די ברענענדע אויגן פון פנים דעם בלייכן
פארזונקען אין חושך פון נאכט.
ס׳איז שטיל... נאר עס שרייט ווען־נים־ווען אוים א שפארבע

Moderato (מיטל באַוועגט)



צי ס'הערט זיך א הונטס בילעריי
און ס'ציט זיך דער ניגון, דער טרויעריק-האַרבער:
סלו-שאַ-אַי! סלו-שאַ-אַי!!

„נישט טעג און חדשים, נאָר יאָרן און יאָרן
„זיץ איך דאָ אין תפיסה פאַרשמידט!
„מיין האַרץ איז אָן פרייהייט צעווייטיקט געוואָרן...
„ניין! ליידן מער קען איך שוין נישט!
„אָט דאָרט, הינטער וואַנט, איז די הייליקע פרייהייט,
„און דאָ — נאָר אַ שפּיז אָדער בליי!
אָ, פינצטערע נאַכט, דו באַווייז מיר דיין טרייהייט!!"
סלו־שאַ־אַי! סלו־שאַ־אַי!!

אַ שפּרונג און אַ פאַל... גיכע טריט... אַ גערודער...
אַ קנאַק און אַ בליאַסק און אַ שאָס!...
אַ מענטש האָט פאַרגאָסן דאָס בלוט פון זיין ברודער
און פרעגט אים, און פרעגט אים „פאַרוואָס!"
עס הערט זיך דעם שטאַרבנדנס לעצטע יללה:
„אָ! פרייהייט!.. אָ! לעבן!... פאַרביי!.."
עס ענטפערט אויף דעם נאָר אַ שימף און אַ קללה...
סלו־שאַ־אַי! סלו־שאַ־אַי!!

עס האָט דורך דעם וואָלקן די בלייכע לבנה
געגעבן פון הימל אַ בליק,
און ווי אַ פאַרצאָגטע פאַרוויינטע אלמנה
באַהאַלטן דאָס פּנים צוריק.
און ווידער אין תפיסה איז אַלץ ווי געשטאָרבן,
און ס'יאָמערט דער קול אויף דאָס ניי;
ווי עמיצער קלאָגט אויף דעם קבר פון קרבן:
סלו־שאַ־אַי!! סלו־שאַ־אַי!!

אַכציק ער און זיבעציק זי

(ווערטער פון מ. מ. וואַרשאַווסקי)

Moderato (נישט גאָר גיך)



I

ס'איז היינט אַקוראַט געוואָרן 50 יאָר,
אַז זיי לעבן אין איינעם — דאָס אַלטע פּאָר:
זיי האָבן זיך געעלטערט — קוקט אייך צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

II

כאָטש דער זיידע מיט דער באבע זענען קורץ און קליין,
נאָר דער זיידע מיט דער באבע זענען מלא חן.
ער מיטן שפּיצעדיקן בערדעלע, מיטן גוידערל — זי —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

III

גאָט האָט זיי מיט עושר און כבוד באַגליקט,
אין לעבן האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט געקריגט.
נאָר „נאָטעלע", נאָר „באבעלע" רופן זיי זיך צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

IV

זיי זענען היינט געגאנגעןביידע אין שול
און האָבן דאָרט געדאַוונט טאַקע פיל;
גאָט האָט זיי געהאָלפן — ברוך הוא. —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

V

פון דער שול זענען אַהיימגעגאנגען גלייך
אויפן טיש איז שוין געשטאַנען לעקעך אַ סך;
און די אייניקלעך האָבן געוואַרט שוין פון אינדערפרי. —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

VI

דער זיידע האָט זיך געוואַשן פון דער זילבערנער טאַץ,
אויפגעגעסן האָט דאָס אייניקל — איך זאָג אייך אַ שאַץ:
יענטעלע די שוואַרץ־חנעוודיקע אָט אָ די —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

VII

דער עולם האָט זיך קיין עין־הרע געזעצט צום טיש,
און אַז מען האָט נאָר אויפגעגעבן די פייערדיקע פיש,
האָט אַ דרשה געזאָגט רב הערשעלע צבי —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

VIII

ווי דער זיידע איז געווען תמיד אַ פרומער ייד,
יידן טון גוטס איז ער קיינמאָל נישט מיד;
דערפאַר העלפט אים גאָט אי שפּעט אי פרי —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

IX

און ווי די באָבע איז געווען אַ ווייבעלע מלא־חן,
דאָס צירונג פּאַסט איר נאָך איצטער, זאָגט אַליין!
די באָבע האָט געטון אַ שמייכל דערצו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

X

דער עולם האָט גענומען צו ביסלעך וויין,
און דעם זיידן מיט דער באבע אין ראָד אריין;
די אייניקלעך האָבן געפּליעסקעט צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

XI

מען האָט געזען, דער עולם זאָל זיך נישט פרי צוגיין,
דער פעטער לייבוש האָט זיך געלאָזט אַ קאָזאַק אַליין;
די מומע סאָסי איז געגאַנגען אַנטקעגן אויף איין קני —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

XII

אַזוי האָבן זיי געהוליעט ביז האַלבער נאַכט...
— „באבעלע, זאָגט דער זיידע, אַ גוטע נאַכט!"
שלאָף מיר געזונט און דעק זיך גוט צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

XIII

דער זיידע איז געווען שוין זייער אַלט,
איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן באַלד...
די באבע האָט נישט געקאָנט מאַכן די אויגן צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

XIV

זי האָט זיך דערמאָנט אָט אָ דאָ ליגנדיק אין בעט,
ווי מען האָט איר „נאָטען" פאַר אַ חתן גערעדט...
אַ מופלג איז ער געווען און שיין דערצו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

XV

די באבע האָט אָנגעהויבן צו דרעמלען מיט אַמאָל,
איר חלום וועל איך אייך דערציילן אַן אַנדערש מאָל;
לאָמיר זיי ביידן לאָזן צורו —
אַכציק ער און זיבעציק זי...

דריטער טייל
לידער פון לעבן

דאָס רעגנדל

(אויפגענומען ביי לעוו ליאָוו)

Andante (פאַמעליעך)



I

כ'האָב געהאַט אַ מאַמעניו,
האָט זי מיר געזאָגט: „מיין קינד!
זיי נאָר גוט און פרום, און ווייס
מער קיין חכמות נישט".
רעגן, רעגן, רעגנדל!
כ'בין אַ קליינער מענטשעלע;

כ׳לאָז זיך מיך באַרעגענען,
כ׳ווייס קיין חכמות נישט.

II

כ׳האָב געהאַט אַ טאַטעניו,
האָט ער מיר געלערנט
אַלף־בית אויף אויסנווייניק
און מער קיין חכמות ניט.
רעגן, רעגן א. אז. וו.

III

כ׳האָב געהאַט אַ רביניו,
האָט ער מיך אויסגעלערנט
סידור, חומש, רש״י
און מער קיין חכמות ניט.
רעגן, רעגן א. אז. וו.

IV

כ׳האָב געהאַט אַ שדכנדל,
אַ ווילער מענטש איז ער געווען,
האָט ער מיר געבראַכט אַ ווייב,
וואָס ווייסט קיין חכמות נישט.
רעגן, רעגן א. אז. וו.

בעריאָזקעלע

(ווערטער פון דוד איינהאָרן, מוזיק פון קיפּניסעס זאמלונג)



I

רואיק, רואיק שאָקלט איר געלאָקטעס גרינעס קעפּל
מיין ווייסינקע בעריאָזקעלע און דאַוונט אָן אַ שיעור;
יעדעס, יעדעס בלעטעלע אירם שעפּטשעט שטיל אַ תּפילה
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפּלל אויף פאַר מיר.

II

איך בין דאָ אַן עלנטער געקומען פון דער ווייטן,
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאַן׳ און פרעמד
איז מיר זיין שפּראַך;
ניט ער וועט מיין טרויער זען און ניט פאַרשטיין מיין תפילה,
כאָטש איך וועל מתפלל זיין, מתפלל זיין אַ סך.

III

פון ווייטן מערב האָט זיך טרויעריק פאַרגנבעט
אין די דינע צווייגעלעך אַ ראָזער צאַרטער שטראַל;
און אַ שטילן קוש געטון די בלעטעלעך די קליינע,
וועלכע האָבן דרעמלענדיק געהאָרכט דעם נאַכטיגאַל.

IV

פון די ווייטע פעלדער איז אַ ווינטעלע געקומען
און דערציילט די בלעטלעך לעגענדעס אָן אַ שיעור.
עפּעס האָט אין האַרצן טיף ביי מיר גענומען בענקען
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפלל אויך פאַר מיר.

אויף דעם בוידעם שלאָפֿט דער דאַך

(ווערטער פֿון ב. שאַפּיר, מוזיק פֿון קיפּניסעס זאַמלונג)

Andante (פֿאַמעלעך)



I

אויף דעם בוידעם שלאָפֿט דער דאַך
צוגעדעקט מיט שינדעלעך;
און אין וויגל ליגט אַ קינד
נאַקעט גאָר אָן ווינדעלעך

האָפּ, האָפּ, אַט אַזוי,
עסט די ציג פֿון דאַך דעם שטרוי;
האָפּ, האָפּ, אַט אַזוי.

II

אויפֿן בוידעם שטייט אַ וויג,
וויגט זיך דאָרט אַ שפּין אין איר;

ציט ער פון מיר דאָס חיות אוים
און דעם דלות לאָזט ער מיר
האָפּ, האָפּ, א. אַ. וו.

III

אויפן בוידעם שטייט אַ האָן
און זיין קאַם איז פייער־רויט;
זאָל מיין ווייב ערגעץ באָרגן
פאַר די קינדער אַ שטיקל ברויט.
האָפּ, האָפּ, א. אַ. וו.

דריי נייטאָרינס

(ווערטער פון י. ל. פּרץ)

Andante (פּאַמעלעך)



די אויגן רויט, די ליפּן בלוי,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוויים,
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און היים —
עס זיצן דריי מיידלעך און נייען

די נאָדל — בלאַנק, די לייוונט — שניי,
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי!
איך ניי ביי טאָג, איך ניי ביי נאַכט,
קיין חופּה-קלייד זיך נישט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס איך ניי?

נישט איך שלאָף, און נישט איך עס...
איך וואָלט געגעס'ן אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיט:
אַן אַלמן כאַטש, אַן אַלטן ייד
מיט קינדערלעך אַ שאָק!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די צווייטע טראַכט: איך ניי און שטעפּ
און שטעפּ מיר אוים נאָר גרויע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלייף — די האַקט
און די מאַשין — קלאַפּט צו צום טאַקט:
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פאַרשטיי דאָך יענעמס ווינק?
אַן אַ חופה, אַן אַ רינג,
וואָלט געווען אַ שפּיל, אַ טאַנץ,
אַ ליבע אויף — אַ יאָר אַ גאַנץ!
נאָר דערנאָך, דערנאָך?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:
איך ניי מיר קראַנק, איך ניי מיר בלינד!
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך —
און ער האָט חתונה די וואָך!
איך ווינטש אים נישט קיין שלעכטס!

עט, פאַרגעסן וואָס אַמאָל!..
תכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויך אַ קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן!

סלושאַי

(ווערטער פון גאַנץ מייער, פריי איבערגעזעצט דורך ש. אנסקי,
מוזיק פון קיפּניסעס זאַמלונג)

ווי שוואַרצע מחשבות ביים מסור אין זינען,
איז פינצטער פון טיף־האַרבסט די נאַכט,
נאָך שוואַרצער פאַר איר איז די תפיסה, דער בנין;
וואָס שטייט ווי אַ דמיון פאַרטראַכט.

עס גייען אום רונד און אַרום איר די וועכטער
און ס׳ציט זיך דער לאַנגזאַמער שריי,
ווי עמיצער שרייט אונטער מעסער ביים שעכטער:
סלו־שאַ־אַי! סלו־שאַ־אַי!!

כאָטש הויך איז די וואַנט אַרום פינצטערן מויער,
די שלעסער — געגאָסענע שטאָל,
כאָטש אַלץ איז פאַרזונקען אין אומעט און טרויער
מען הערט נישט קיין מענטשלעכן קול. —
און דאָך איז די תפיסה נאָך ווייט נישט געשטאָרבן,
דו, וועכטער, פאַרדרעמל נישט זיי,
נישט גלויב, אַז אין תפיסה שלאָפט רואיק אַ קרבן!
סלו־שאַ־אַי! סלו־שאַ־אַי!!

אָט שטייט דער פאַרהאַפטער ביים פענצטער דעם הויכן,
דער קאָפּ ביי דער גריל, שטאַרק פאַרטראַכט
די ברענענדע אויגן פון פּנים דעם בלייכן
פאַרזונקען אין חושך פון נאַכט.
ס׳איז שטיל... נאָר עס שרייט ווען־נית־ווען אוים אַ שפּאַרבע

Moderato (מיטל באַוועגט)



צי ס'הערט זיך אַ הונטס בילעריי

און ס'ציט זיך דער ניגון, דער טרויעריק-האַרבער:

סלו-שאַ-אַי! סלו-שאַ-אַי!!

„נישט טעג און חדשים, נאָר יאָרן און יאָרן
„זיץ איך דאָ אין תפיסה פאַרשמידט!
„מיין הארץ איז אָן פרייהייט צעוויטיקט געוואָרן...
„גיין! ליידן מער קען איך שוין נישט!
„אָט דאָרט, הינטער וואַנט, איז די הייליקע פרייהייט,
„און דאָ — נאָר אַ שפּיז אָדער בליי!
אָ, פינצטערע נאַכט, דו באַווייז מיר דיין טרייהייט!!"
סלו-שאַ-אַי! סלו-שאַ-אַי!!

אַ שפּרונג און אַ פאַל... גיכע טריט... אַ געדרודער...
אַ קנאַק און אַ בליאַסק און אַ שאָס!...
אַ מענטש האָט פאַרגאָסן דאָס בלוט פון זיין ברודער
און פרעגט אים, און פרעגט אים „פאַרוואָס!"
עס הערט זיך דעם שטאַרבנדנס לעצטע יללה:
„אָ! פרייהייט!.. אָ! לעבן!... פאַרביי!.."
עס ענטפערט אויף דעם נאָר אַ שימף און אַ קללה...
סלו-שאַ-אַי! סלו-שאַ-אַי!!

עס האָט דורך דעם וואָלקן די בלייכע לבנה
געגעבן פון הימל אַ בליק,
און ווי אַ פאַרצאָגטע פאַרוויינטע אלמנה
באַהאַלטן דאָס פּנים צוריק.
און ווידער אין תפיסה איז אַלץ ווי געשטאָרבן,
און ס'יאָמערט דער קול אויף דאָס ניי;
ווי עמיצער קלאָגט אויף דעם קבר פון קרבן:
סלו-שאַ-אַי!! סלו-שאַ-אַי!!

אַכציק ער און זיבעציק זי

(ווערטער פון מ. מ. וואַרשאַווסקי)

Moderato (נישט גאָר גיך)



I

ס'איז היינט אַקוראַט געוואָרן 50 יאָר,
אַז זיי לעבן אין איינעם — דאָס אַלטע פּאָר:
זיי האָבן זיך געעלטערט — קוקט אייך צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

II

כאָטש דער זיידע מיט דער באָבע זענען קורץ און קליין,
נאָר דער זיידע מיט דער באָבע זענען מלא חן.
ער מיטן שפּיצעדיקן בערדעלע, מיטן גוידערל — זי —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

III

גאָט האָט זיי מיט עושר און כבוד באַגליקט,
אין לעבן האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט געקריגט.
נאָר „נאָטעלע", נאָר „באָבעלע" רופן זיי זיך צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

IV

זיי זענען היינט געגאַנגען ביידע אין שול
און האָבן דאָרט געדאַוונט טאַקע פיל;
גאָט האָט זיי געהאָלפן — ברוך הוא. —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

V

פון דער שול זענען אַהיימגעגאַנגען גלייך
אויפן טיש איז שוין געשטאַנען לעקעך אַ סך;
און די אייניקלעך האָבן געוואַרט שוין פון אינדערפרי. —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

VI

דער זיידע האָט זיך געוואַשן פון דער זילבערנער טאַץ,
אויפגעגאָסן האָט דאָס אייניקל — איך זאָג אייך אַ שאַץ:
יענטעלע די שוואַרץ-חנעוודיקע אָט אָ די —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

VII

דער עולם האָט זיך קיין עין-הרע געזעצט צום טיש,
און אַז מען האָט נאָר אויפגעגעבן די פייערדיקע פיש,
האָט אַ דרשה געזאָגט רב הערשעלע צבי —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

VIII

ווי דער זיידע איז געווען תמיד אַ פרומער ייד,
יידן טון גוטס איז ער קיינמאָל נישט מיד;
דערפאַר העלפט אים גאָט אי שפעט אי פרי —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

IX

און ווי די באבע איז געווען אַ ווייבעלע מלא-חן,
דאָס צירונג פאַסט איר נאָך איצטער, זאָגט אַליין!
די באבע האָט געטון אַ שמייכל דערצו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

X

דער עולם האָט גענומען צו ביסלעך ווײַן,
און דעם זײדן מיט דער באָבע אין ראָד אַרײַן;
די אײניקלעך האָבן געפּליעסקעט צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

XI

מען האָט געזען, דער עולם זאָל זיך נישט פרי צוגײן,
דער פעטער לייבוש האָט זיך געלאָזט אַ קאָזאַק אַלײן;
די מומע סאָסי איז געגאַנגען אַנטקעגן אויף איין קני —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

XII

אַזוי האָבן זײ געהוליעט ביז האַלבער נאַכט...
— „באָבעלע, זאָגט דער זײדע, אַ גוטע נאַכט!"
שלאָף מיר געזונט און דעק זיך גוט צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

XIII

דער זײדע איז געװעזן שױן זײער אַלט,
איז ער אַנטשלאָפן געװאָרן באַלד...
די באָבע האָט נישט געקאָנט מאַכן די אױגן צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

XIV

זי האָט זיך דערמאָנט אָט אָ דאָ ליגנדיק אין בעט,
װי מען האָט איר „נאָטען" פאַר אַ חתן גערעדט...
אַ מופלג איז ער געװען און שײן דערצו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

XV

די באָבע האָט אָנגעהױבן צו דרעמלען מיט אַמאָל,
איר חלום װעל איך אײַך דערצײלן אַן אַנדערש מאָל;
לאָמיר זײ בײדן לאָזן צורו —
אַכציק ער און זיבעציק זי...

דריטער טייל
לידער פון לעבן

דאָס רעגנדל

(אויפגענומען ביי לעוו ליאָוו)

Andante (פּאָמעלעך)



I

כ'האָב געהאַט אַ מאַמעניו,
האָט זי מיר געזאָגט: „מיין קינד!
זיי נאָר גוט און פרום, און ווייס
מער קיין חכמות נישט".
רעגן, רעגן, רעגנדל!
כ'בין אַ קליינער מענטשעלע;

כ׳לאָז זיך מיך באַרעגענען,
כ׳ווייס קיין חכמות נישט.

II

כ׳האָב געהאַט אַ טאַטעניו,
האָט ער מיר געלערנט
אַלף־בית אויף אויסנווייניק
און מער קיין חכמות ניט.
רעגן, רעגן א. אז. וו.

III

כ׳האָב געהאַט אַ רביניו,
האָט ער מיך אויסגעלערנט
סידור, חומש, רש״י
און מער קיין חכמות ניט.
רעגן, רעגן א. אז. וו.

IV

כ׳האָב געהאַט אַ שדכנדל,
אַ ווילער מענטש איז ער געווען,
האָט ער מיר געבראַכט אַ ווייב,
וואָס ווייסט קיין חכמות נישט.
רעגן, רעגן א. אז. וו.


con fuoco
Accelando
די .סער-קיי איז סער-קיי ער-זיי אַז נגען-זאָ וואָס,דער-לענ-רוס
די און כות-מל איז כות-מל ער-גיי אַז נגען-זאָ וואָס דער-לענ-דייטש
piu a piu fuoco
piu mosso
piu a piu mosso.



איך וועל מיך פון אָרט נישט רירן,
און אַן עק זאָל דאָס נעמען,
און אַ סוף זאָל צום גלות נעמען,
יתגדל ויתקדש שמי רבה!

אַ דודעלע

(פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער)

רבונו של עולם, רבונו של עולם,
רבונו של עולם, רבונו של עולם,
רבונו של עולם, כ'וועל דיר אַ דודעלע זינגען!
דו־דו־דו, דו־דו —

אַיה אמצאך, ואיה לא אמצאך?
ווו קאָן איך דיך יאָ געפינען,
און ווו קאָן איך דיך נישט געפינען?
דו־דו־דו, דו־דו —

אַז ווו איך גיי — דו!
און ווו איך שטיי — דו!
רק דו, נאָר דו, ווידער דו, אָבער דו —
דו־דו־דו, דו־דו!

איז עמיצן גוט — דו!
חלילה שלעכט — אַי דו
אַי, דו־דו־דו־דו־דו!
דו־דו־דו־דו־דו־דו!

מזרח — דו, מערב — דו!
צפון — דו, דרום — דו!
דו־דו־דו,
דו־דו־דו,
דו־דו־דו!

Andante con moto (רעליגיעז)





שמים — דו, ארץ — דו,
מעלה — דו, מטה — דו,
דו-דו-דו, דו-דו-דו.

דו-דו-דו, דו-דו-דו, דו דו דו!
וואו איך קער מיך, וואו איך ווענד מיך
דו — דו!!!

מאירקע מיין זון

(פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער)

Andante (פאַמעלעך און רעליגיעז)



I

מאירקע מיין זון,
מאירקע מיין זון,
מאירקע מיין זון.
צי ווייסטו ווער דו ביזט?

— הנני העני ממעש, טאַטעניו,
הנני העני ממעש, טאַטעניו,
הנני העני ממעש, טאַטעניו.

II

מאירקע מיין זון א. אַ. וו.
צי ווייסטו פאַר וועמען דו שטייסט? (בים)
— לפני מלך מלכי המלכים, טאַטעניו א. אַ. וו.

III

מאירקע מיין זון א. אַ. וו.
וואָס ווילסטו אויסבעטן ביי אים? (בים)
— בני חיי מזוני, טאַטעניו, א. אַ. וו.

IV

מאירקע מיין זון א. אַ. וו.
צו וואָס דאַרפסטו בני? (בים)
— בנים עוסקים בתורה, טאַטעניו א. אַ. וו.

V

מאירקע מיין זון א. אַ. וו.
צו וואָס דאַרפסטו חיי? (בים)
— כל החיים יודוך, טאַטעניו א. אַ. וו.

VI

מאירקע מיין זון א. אַ. וו.
צו וואָס דאַרפסטו מזוני? (בים)
— ואכלת ושבעת וברכת, טאַטעניו א. אַ. וו.

ער זאָל לעבן

(אפּיקורסיש, פֿון קיפּניסעס זאַמלונג)



I

ער זאָל זיין אַ בעטער פֿאַר זיינע חסידים,\
בים באַם, בים באַם, בים באַם, באַם,\
פֿאַר זיינע כשרע תלמידים,\
בים־באַם, בים־באַם, בים־באַם, באַם!\
פֿאַר זיינע כשרע תלמידים,\
בים־באַם, בים־באַם, בים־באַם, באַם!

II

שלמה, נתן, חיים, זינדל,
בים־באַם א. אַ. וו.
בערל מיט זיין גאַנץ געזינדל, } בים
בים־באַם א. אַ. וו.

III

ער זאָל זיין אַ בעטער גאָר אַ הייסער
בים־באַם א. אַ. וו.
ער זאָל זיך מיען ביי אונדזער קייזער, } בים
בים־באַם א. אַ. וו.

IV

איינע פון די קלענסטע זאַכן,
בים־באַם א. אַ. וו.
דעם אַקציז פון בראָנפן אָוועקצומאַכן, } בים
בים־באַם א. אַ. וו.

V

עס וועט דאָך זיין אַ פריילעך לעבן,
בים־באַם א. אַ. וו.
מען וועט טרינקען בראָנפן לכבוד דעם רבין, } בים
בים־באַם א. אַ. וו.

די אַלטע קשיא

(פֿילאָזאָפֿיש)

Largo (רואיק און פּאַמעלעך)



פֿרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא:

— טראַ-לאַ-טראַ-די-רי-די-ראַם?

ענטפֿערט מען:

טראַ-די-רי-די-ריי-לאַם!

און אַז מען וויל קען מען דאָך זאָגן:

— טריי-דים!

בלייבט דאָך ווידער די אַלטע קשיא:

— טראַ-לאַ-טראַ-די-רי-די-ראַם?

ענטפֿערט מען: —

טראַ-די-רי-די-ריי-לאַם!

ס׳איז ניטאָ קיין נעכטן

Moderato (לעבהאַפט)



I

ס׳איז ניטאָ קיין נעכטן,
ס׳נאָך ניטאָ דער מאָרגן;
ס׳איז נאָר דאָ אַ פּיצעלע היינט,
שטערט אים נישט מיט זאָרגן.

ביים
צוזינג.

II

כאַפּט אַריין אַ שנעפּסל,
כל זמן איר זענט ביים לעבן;
איה״ש אויף יענער וועלט
וועט מען אייך נישט געבן.

צוזינג.

דער פֿילאָזאָף

Con brío (מיט חסידישן ברען)



קום אַהער, דו פֿילאָזאָף,
מיט דיין קעצישן מח'ל
קום אַהער צום רבינס טיש
און לערן זיך דאַ שכל.
בים באַ באָם א. אַ. וו.

אַ דאַמפֿ-שיף האָסטו אויסגעטראַכט
און נעמסט דערמיט זיך איבער;
דער רבי שפּרייט זיין טיכל אויס
און גייט דעם ים אַריבער.
בים באַ באָם א. אַ. וו.

אַן אייזנבאַן האָסטו אויסגעקלערט
און מיינסט דו ביזט אַ חרוץ;

דער רבי שפּעט, דער רבי לאַכט,
ער דאַרף דאָס אויף כפּרות.
בים באַ באָם א. אַ. וו.

צי ווייסטו דען, וואָס דער רבי טוט
בעת ער זיצט ביחידות? —
אין איין מינוט ער אין הימל פליט
און פּראַוועט דאָרט שלוש סעודות.
בים באַ באָם א. אַ. וו.

פינפטער טייל

הומאריסטישע לידער

אַ חזן אויף שבת

I

איז געקומען אַ חזן אין אַ קליין שטעטל דאַווענען אַ שבת,
דאַווענען אַ שבת,
זענען אים געקומען הערן די דריי שענסטע בעלי־
בתים פון דעם שטעטל,
די דריי שענסטע בעלי־בתים פון דעם שטעטל:
איינער אַ שניידערל, דער אַנדערער אַ קאָוואַלטשיקל,
און דער דריטער אַ בעל־עגלהטשיקל.
רופט זיך אָפּ'עט דאָס שניידערל,
רופט זיך אָפּ'עט דאָס שניידערל:
אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַוונט, האָט ער געדאַוונט!
אַזוי ווי מען גיט מיטן נאָדל אַ שטאָך
און מיטן אייזן אַ פּרעס.
אוי איז דאָס אַ חזן!
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַוונט!

II

רופט זיך אָפּ'עט דאָס קאָוואַלטשיקל,
רופט זיך אָפּ'עט דאָס קאָוואַלטשיקל:
אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַוונט, האָט ער געדאַוונט!
אַזוי ווי מען גיט מיטן האַמער אַ זעץ
און מיט די קלעשטשעס אַ קוועטש,

Recitativo

(פריי — מיט חזנישן קנאַק)





אוי איז דאָס אַ חזן!
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי האָט ער געדאַוונט!

III

רופט זיך אָפּ׳עט דאָס בעל-עגלהטשיקל,
רופט זיך אָפּ׳עט דאָס בעל-עגלהטשיקל:
אוי, אוי, אוי האָט ער געדאַוונט, האָט ער געדאַוונט,
אַזוי ווי מען גיט מיט די לייצעס אַ ציִ!
און מיטן בייטשל אַ כוואַשטש, וויאָ!
אוי איז דאָס אַ חזן,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַוונט!

וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען?

Andante (פאַמעלעך)



— זאָג-זשע, רביניו!
וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען?
— אַז משיח וועט קומען, וועלן מיר מאַכן אַ סעודהניו.

— וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו?
— דעם שור הבר מיטן לויתן,

דעם שור הבר מיטן לויתן, —
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודהניו!

— וואָס וועלן מיר טרינקען אויף דער סעודהניו?
— דעם יין המשומר,
דעם יין המשומר,
דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען, —
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודהניו!

— ווער וועט אונדז תורה זאָגן אויף דער סעודהניו?
— משה רבינו,
משה רבינו,
משה רבינו וועט אונדז תורה זאָגן,
דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודהניו!

— ווער וועט אונדז שפּילן אויף דער סעודהניו?
— דוד המלך,
דוד המלך, —
דוד המלך וועט אונדז שפּילן,
משה רבינו וועט אונדז תורה זאָגן,
דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודהניו!

— ווער וועט אונדז חכמה זאָגן אויף דער סעודהניו?
— שלמה המלך,
שלמה המלך, —
שלמה המלך וועט אונדז חכמה זאָגן,
דוד המלך וועט אונדז שפּילן,
משה רבינו וועט אונדז תורה זאָגן,
דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודהניו!

— ווער וועט אונדז טאַנצן אויף דער סעודהניו?
— מרים הנביאה,
מרים הנביאה, —
מרים הנביאה וועט אונדז טאַנצן,
שלמה המלך וועט אונדז חכמה זאָגן,
דוד המלך וועט אונדז שפּילן,
משה רבינו וועט אונדז תורה זאָגן,
דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודהניו!

זאָל איך ווערן א רב



I

זאָל איך ווערן אַ רב, קען איך נישט קיין תורה,
זאָל איך זיין אַ סוחר, האָב איך נישט קיין סחורה;
און קיין היי האָב איך נישט,
און קיין האָבער האָב איך נישט,
און דאָס וויב שילט זיך,
אַ טרונק בראָנפן ווילט זיך;

זע איך מיר אַ שטיין,
זיץ איך מיר און וויין.

II

וויל איך זיין אַ שוחט, האָב איך נישט קיין חלף;
וויל איך זיין אַ מלמד, קען איך נישט קיין אלף;
און די פערד גייען נישט,
און די רעדער דרייען נישט;
און דאָס ווייב שילט זיך,
אַ טרונק בראָנפן ווילט זיך;
זע איך מיר אַ שטיין,
זיץ איך מיר און וויין.

III

זאָל איך ווערן אַ קאָוואַל, האָב איך נישט קיין קאָוואַדלע;
זאָל איך זיין אַ שענקער, איז מיין ווייב אַ פּאַדלע;
און קיין היי האָב איך נישט,
און קיין האָבער קויף איך נישט;
און דאָס ווייב שילט זיך,
אַ טרונק בראָנפן ווילט זיך;
זע איך מיר אַ שטיין,
זיץ איך מיר און וויין.

גוט־וואָך

Andante (פּאַמעלעך)



I

המבדיל בין קודש לחול,
חטאתינו ימחול;
זרענו וכספנו ירבה כחול,
וככבבים בלילה.

גוט וואָך, גוט וואָך,
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך;
גוט וואָך, גוט וואָך,
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך.

II

יום פנה, דער שבת אוועק,
ווי אַ שאָטן פון אַ בוים;
פון אַלע מאכלים ניט געבליבן קיין לעק,
און איצט קומט אָן די מזלדיקע וואָך.
גוט וואָך,
גוט וואָך אַ. ז. וו.

III

המבדיל בין קודש לחול,
וואָסזשע טוט מען אַז ס'גייט גאָר ניט ווויל;
זרענו — פּאַראַן, וכספּנו — אַני,*)
דאָס שטיקל ברויט קומט אָן מיט מי...
גוט וואָך, גוט וואָך,
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך;
גוט וואָך, גוט וואָך,
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך.

*) נישטאָ.

דער בעל־עגלה

Moderato (מעסיק באַוועגט)



I

פאָר איך מיר אַרויס אין אַן ענגער בויד,
מיט פערדעלעך פיר אין דער ברייט;
אַ הושך, אַ וויוגע, מען זעט נישט די וועלט,
די וועגן פאַרשאָטן, פאַרווייט.

וויאָ, וויאָ פערדעלעך,
וויאָ וויאָ, אָדלערלעך,
הייבט נאָר די קעפּעלעך הויך!

פירט די פֿאַרשווינדעלעך,
טרייסלט די ביינדעלעך,
ווייאַ, אַז גיין זאָל אַ רויך!

II

איין פֿאַרשוין בעט מיך: רבי יודל, פֿאָרט גיך,
איך דאַרף דאָך צום גוטן יידן;
אַ צווייטער בעט מיך: פֿאַמעליכקע פֿאָרט,
אוי, מיינע מערידן...

ווייאָ, ווייאָ פערדעלעך,
ווייאָ, ווייאָ אָדלערלעך,
הערט נישט וואָס ס׳רעדן די לייט!
וואָס מיר גוטע יידעלעך,
וואָס מיר מערידעלעך,
ווייאָ! אַ קרעטשמע איז נישט ווייט!

III

געקומען אין אַ קרעטשמע שפּעט אין דער נאַכט
און טרעף דאָרט אַ דייטשל ביים וואָג;
אַ ייד, אַ בעל חשבון אַן אייזערנער קאָפּ,
און ער מאַכט אַ לחיים ביז טאָג.
אוי, אוי קרעטשמערל,
אוי, אוי דייטשעלע,
לעבן זאָלט איר לאַנגע יאָר!
גיט מיר אַ כוסע,
אָבער אַ גרויסע —
ווייאָ! גיט נאָך אַ פּאָר!

IV

געגומען אַ כוסע, אַ צווייטע און — יאָ,
ער שמייכלט און פרייט זיך, מיין דייטש;
פאַרטרונקען די פערדעלעך, פאַטרונקען די בויד,
געקומען אַ היים מיט דער בייטש...
יאָ, יאָ ווייבעלע,
יאָ, יאָ טייבעלע.
אַ גראָשן אויף שבת נישטאָ!
נאָר שאַ, שאַ, זאָרג נאָר נישט,
שאַ, שאַ, קלאָג נאָר נישט,
וויאָ! אַ גאָט איז נאָך דאָ!!!

די מעזינקע אויסגעגעבן

(פון מ. מ. ווארשאַווסקי)

Allegretto (נישט גאַר גיך)



I

העכער, בעסער,
די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער,
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט
גליק האָט ער מיר געבראַכט
הוליעט קינדער אַ גאַנצע נאַכט!
די מעזינקע אויסגעגעבן! (ביס)

II

שטאַרקער, פרייליכער,
דו די מלכה איך — דער מלך,

אַי, אַי, איך אַליין
האָב מיט מיינע אויגן געזען,
ווי גאָט האָט מיך מצליח געווען:
די מעזינקע אויסגעגעבן! (בּיס)

III

איציק-שפּיציק, וואָס שוויגסטו מיטן שמיציק?
אויף די כּלי-זמר גיב אַ געשריי!
צי שפּילן זיי, צי שלאָפן זיי?
רייסט די סטרונעס אַלע אויף צוויי!
די מעזינקע אויסגעגעבן! (בּיס)

IV

אייזיק מזיק, די באָבע גייט אַ קאָזיק,
אָן עין הרע זעט נאָר, זעט
ווי זי טופּעט, ווי זי טרעט?
אַי, אַ שמחה, אַי, אַ פריייד!
די מעזינקע אויסגעגעבן! (בּיס)

V

מאָטל, שמעון, די אָרימע לייט געקומען,
שטעלט פאַר זיי דעם שענסטן טיש,
טייערע ווייַנען, טייערע פיש,
אַי, מיין טאָכטער, גיב מיר אַ קוש!
די מעזינקע אויסגעגעבן! (בּיס)

VI

דער טייערער פעטער יאָשע
און די גוטע מומע סאָסיע
האָבן מיר צום חתן-מאָל
טייערע ווייַנען און אַ צאָל
מיר געשיקט פון ארץ-ישראל,
די מעזינקע אויסגעגעבן! (בּיס)

וואָס זשע ווילסטו מײַן טײַער קינד?

Moderato (באַוועגט)



I

וואָס זשע ווילסטו, מײַן טײַער קינד?
געבן דיר אַ שוסטער־יונג?
— ניין, טאַטע ס'איז נישט שיין,
אַ שוסטער־יונג קלאַפּט די פּלעקלעך,
און פּאַטשט־אוים דעם ווײַב די בעקלעך
ניין, טאַטע, ס'איז נישט שיין.

II

וואָס זשע ווילסטו, מײַן טײַער קינד?
געבן דיר אַ שנײַדער־יונג?
— ניין, טאַטע ס'איז נישט שיין,
אַ שנײַדער־יונג נייט כאַלאַטן,
און שעלט דאָס ווײַב אין טאַטנס טאַטן...
ניין, טאַטע, ס'איז נישט שיין.

III

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבן דיר אַ סטאָליער־יונג?
— ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין,
אַ סטאָליער־יונג קלאַפּט דעם קאַסטן,
און דאָס ווייב לאָזט ער פאַסטן.
ניין, טאַטע, ס׳איז נישט שיין.

IV

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבן דיר אַ בעקער־יונג?
— ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין,
אַ בעקער־יונג באַקט דאָס ברויט
און זיין ווייב מאַכט ער דעם טויט.
ניין, טאַטע, ס׳איז נישט שיין.

V

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבן דיר אַ לערן־יונג?
— ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין,
אַ לערן־יונג קוועטשט די באַנק
און זיין ווייבל מאַכט ער קראַנק.
ניין, טאַטע, ס׳איז נישט שיין.

VI

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבן דיר אַ סוחר־יונג?
— יאָ טאַטע, דאָס איז גוט!
אַ סוחר־יונג האַנדלט סחורה,
און קושט דאָס ווייבל ווי אַ תורה.
יאָ, טאַטע, דאָס איז גוט!..

פֿאָרט דער חסידל צו דעם רבין

Moderato (לעבהאַפֿט)



פֿאָרט דער חסידל צו דעם רבין,
האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שלאַגם-רעגן,
מאַכט דער חסידל: בים באָם! (בים)

ווי דער שלאַגם-רעגן האָט אים אָנגענומען,
איז ער אין קרעטשמע אַריינגעקומען.
מאַכט דער חסידל: בים באָם! (בים)

ווי ער האָט גענומען אַ גלעזל בראָנפֿן טרינקען,
האָט ער גענומען צום מיידל ווינקען.
מאַכט דער חסידל: בים באָם! (בים)

„מיידעלע, מיידעלע, ביזט מיר זייער געפֿעלן,
איך וועל דיר שענקען אַ שנירל קרעלן!"
מאַכט דער חסידל: בים באָם! (בים)

דעם שנירל קרעלן האָט זי צוגענומען

און אים האָט זי געהייסן, שפּעטער קומען.
מאַכט דער חסידל: בים באָם! (בים)

„מיידעלע, מיידעלע, ביזט מיר זייער גוט,
איך וועל דיר שענקען אַ שיינעם הוט!"
מאַכט דער חסידל: בים באָם! (בים)

דעם שיינעם הוט האָט זי צוגענומען,
און אים האָט זי געהייסן, שפּעטער קומען.
מאַכט דער חסידל: בים באָם! (בים)

„מיידעלע, מיידעלע, ביזט מיר זייער שיין,
איך וועל דיר שענקען אַ גאָלדענע קרוין!"
מאַכט דער חסידל: בים באָם! (בים)

די גאָלדענע קרוין האָט זי צוגענומען,
און אים האָט זי געהייסן, שפּעטער קומען.
מאַכט דער חסידל: בים באָם! (בים)

„מיידעלע, מיידעלע, גיב אָפּ מיינע זאַכן!"
— „פון אַזאַ חסידל מעג מען לאַכן!"
מאַכט דער חסידל: בים באָם! (בים)

איז ער אַוועק אַן וועג און שטעג,
ווי אַ הונט אין די נייַן טעג.
מאַכט דער חסידל: בים באָם!
מאַכט דער חסידל: בים באָם!

א גוטער אָוונט ברײנע!

Adagio (זייער פּאַמעלעך)



I

אַ גוטער נ׳אָוונט ברײנע,
די בעסטע שכנה מײנע;
דאָס האַרץ ווערט אין מיר פֿאַרברענט,
זינט איך האָב דעם מערדער דערקענט.

II

פּעטרישקע האָב איך פֿאַרגעסן קויפֿן,
פֿלײש האָט מיר מײן מאַמעלע געבראַכט;
די יויך וועט דאָרט אויסלויפֿן, —
האָט זשע מיר אַ גוטינקע נאַכט,

אוי ווײ ברײנע א. אַ. וו.

III

נעכטן האָט ער מיך געשלאָגן,
ברוין און בלוי האָט ער מיך געמאַכט;
ס׳איז אפֿילו אַ בזיון אויסצוזאָגן, —
האָט זשע מיר אַ גוטינקע נאַכט.

אוי ווײ ברײנע א. אַ. וו.

IV

כ׳וואָלט זיך מיט אים אוודאי גטן,
דאָס קינד וואָלט איך אים איבערגעלאָזט;
בין איך אָבער שרעקלעך עלנט
כאָטש גײ און לײג זיך אין גאַס.

אוי ווײ ברײנע א. אַ. וו.

יאָשקע פאָרט אַוועק

Allegro agitato (באַוועגט און לעבעדיק)



I

זי: קויף מיר נישט קיין לאַקענעס
און מאַך מיך נישט שיין;
קויף דיר אַ פּאָר שטיוועלעך,
צום פריזיוו דאַרפסטו גיין.
אוי, אוי, אוי, אוי, יאָשקע פאָרט אַוועק
נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה,
דער פאָיעזד גייט אַוועק! } בים צוזאַמען

II

ער: זיי זשע מיר געזונט,
מיין טייערע כלה,

נאָך דיר וועל איך בענקען,
מער ווי נאָך אַלע.
אוי, אוי, אוי, אוי, יאַשקע פאָרט אַוועק
נאָך אַ קוש און נאָך אַ קוש,
דער פאָיעזד גייט אַוועק!

בים צוזאמען

III

זי: די באַן איז שוין געקומען,
און עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק;
לאָמיר זיך געזעגענען,
דער פאָיעזד גייט אַוועק.
אוי, אוי, אוי, אוי, יאַשקע א. א. וו. — בים צוזאמען

IV

ער: קלאָג-זשע נישט און וויין-זשע נישט,
ס'איז אַלצדינג בלאָטע;
איך וועל זיין ביי פאָניען
דער שענסטער אין דער ראָטע.
אוי, אוי, אוי, אוי, יאַשקע א. א. וו. — בים צוזאמען

V

זי: דרויסן איז אַ זאַווערוכע,
דרויסן איז אַ שניי;
אוי וויי, מאַמעלע,
דאָס קעפּעלע טוט וויי.
אוי, אוי, אוי, אוי, יאַשקע פאָרט אַוועק,
נאָך אַ קוש און נאָך אַ קוש,
דער פאָיעזד גייט אַוועק!

בים צוזאמען

אַ זמרל

(אויפגענומען ביי ר. קאַלאַדני, פּינסק)

Moderato (באַוועגט)



I

לאָמיר זשע זינגען (בים)
אַ זמרל, אַ זמרל,
לחם לאכול, בשר ודגים
וכל מטעמים.

— זאָגזשע מיר, טאַטעניו, וואָס איז לחם?
— ביי די גרויסע גבירים איז לחם אַ בולקע.
און ביי אונדז, אָרימע קבצנים, איז לחם אַ דאַרע סקאַרינקע.
— דאָס איז לחם!

— זאָגזשע מיר, טאַטינקע, וואָס איז בשר?
— ביי די גרויסע גבירים איז בשר אַן אינדיק,
און ביי אונדז, אָרימע קבצנים, איז בשר אַ דאַרע קישקע.
— דאָס איז בשר!

— זאָגזשע מיר, טאַטינקע, וואָס איז דגים?
— ביי די גרויסע גבירים איז דגים אַ העכט,
און ביי אונדז, אָרימע קבצנים, איז דגים אַ געוויאַנזלטער הערינג.
— דאָס איז דגים!..

— זאָגזשע מיר, טאַטינקע, וואָס איז מטעמים?
— ביי די גרויסע גבירים איז מטעמים קאָמפּאָט,
און ביי אונדז, אָרימע קבצנים, איז מטעמים געהאַקטע צרות.
— דאָס איז מטעמים...

ווען דו וואָלסט געווען דער בורא עולם

(אויפגענומען ביי ש. שקלאַווסקי, קאָוונע)

I

ווען דו וואָלסט געווען דער בורא עולם,
וואָס וואָלסטו געטון?
ווען דו וואָלסט געווען דער בורא עולם,
וואָס וואָלסטו געמאַכט?

— כ'וואָלט געמאַכט און געמאַכט:
כ'וואָלט געמאַכט אַ טשאָלנט ער זאָל אין אויוון ניט אַריינגיין.
דאָס וואָלט איך געמאַכט:
אפיקורסים און מתנגדים וואָלט איך אַ קרענק געגעבן,
נאָר די חסידימלעך.
הלואי, הלואי, הלואי וואָלט דאָס אמת געווען. (בים)

II

ווען דו וואָלסט געווען א. אַז. וו.
— כ'וואָלט געמאַכט און געמאַכט:
כ'וואָלט געמאַכט אַ קוגל ער זאָל אין טשאָלנט ניט אַריינגיין,
דאָס וואָלט איך געמאַכט;
אפיקורסים און מתנגדים וואָלט איך אַ קרענק געגעבן,
נאָר די חסידימלעך.
הלואי, הלואי, הלואי וואָלט דאָס אמת געווען. (בים)

III

ווען דו וואָלסט געווען א. אַז. וו.
— כ'וואָלט געמאַכט און געמאַכט:
כ'וואָלט געמאַכט אַ בית־עולם, ער זאָל אין פּאַרקאָן
ניט אַריינגיין,
דאָס וואָלט איך געמאַכט;

Moderato (נישט גיך)



אַפּיקורסים און מתנגדים וואָלט איך אַ קרענק באַגראָבן
נאָר די חסידימלעך.
הלואי, הלואי, הלואי וואָלט דאָס אמת געווען. (ביכ)

וואָס וועט זיין מיט דעם רבין דעם פרומען

(אויפגענומען ביי בעלערינא רובינליכט)

I

וואָס וועט זיין מיט דעם רבין דעם פרומען,
במהרה בימינו, אַז משיח וועט קומען?
— פון וויין און פון בראָנפן וועט גיין אַ רעגן,
און דאָס וועט זיין פאַר די חסידימס וועגן.
— במהרה בימינו, ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

ס'וועט דאָך זיין אַ ליכטיקע וועלט, (דריי מאָל)
מ'עט טרינקען בראָנפן אומגעשטעלט.

II

מען וועט נעמען אַ בהמה אַ כשרע, אַ פרומע,
זי וועט זיין אַן אייניקל פון דער פרה־אדומה;
מען וועט זי איינשפּאַנען אין דער קאַרעטע פון דעם
רבין דעם פרומען,
במהרה בימינו, אַז משיח וועט קומען.
טראַ לאַ לאַ לאַ לאַ,
ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

ס'עט דאָך זיין אַ ליכטיקע וועלט, (דריי מאָל)
מ'עט טרינקען שפּירעטעס אומגעשטעלט.

Andante energico



III

די קאַרעטע וועט זיין פון פאַרמעט נישט פון לעדער,
פון עצי-שיטים וועלן זיין די רעדער;
די אָקסן וועלן זיין פון עצי-גופר,

און די בייטש — אַ ציצה געבונדן אין אַ שופר.
טראַ לאַ לאַ לאַ לאַ.
ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

ס'עט דאָך זיין אַ ליכטיקע וועלט, (דריי מאָל)
מ'עט טרינקען שפּירעטעס אומגעשטעלט.

IV

אויף די ביימער וועלן וואַקסן קוילעטשן מיט בולקעס,
די צווייגן וועלן זיין ציבוקעס מיט ליולקעס;
די בלעטער וועלן זיין טערקישער טוטין
און מיר חסידים וועלן רויכערן דערפון.
טראַ לאַ לאַ לאַ לאַ.
ווי דערלעבט מען שוין דאָס.

ס'עט דאָך זיין אַ ליכטיקע וועלט, (דריי מאָל)
מ'עט טרינקען שפּירעטעס אומגעשטעלט.

דער רבי אלימלך

(אויפגענומען ביי א. אלבעק, ביאַליסטאָק)

אַז דער רבי אלימלך,
איז געוואָרן זייער פריילעך,
איז געוואָרן זייער פריילעך
אלימלך,
האָט ער אויסגעטון דעם קיטל
און האָט אָנגעטון די היטל
און געשיקט נאָך די פידלער
די צוויי.

בים:
און, אַז די פידלדיקע פידלער,
האָבן פידלדיק געפידלט,
האָבן פידלדיק געפידלט
האָבן זיי.

II

און, אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן נאָך מער פריילעך,
איז געוואָרן נאָך מער פריילעך
אלימלך,
האָט ער אָפּגעמאַכט הבדלה
מיטן שמש רב נפתלי
און געשיקט נאָך די צימבלער
די צוויי.

בים:
און, אַז די צימבלדיקע צימבלער,
האָבן צימבלדיק געצימבלט,
האָבן צימבלדיק געצימבלט
האָבן זיי.

Allegro agitato **(באַוועגט און אַקצענטירט)**



III

אוּן, אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן גאָר שטאַרק פריילעך,

איז געוואָרן גאָר שטאַרק פריילעך
אלימלך,
האָט ער אויסגעטון די תפילין
און האָט אויסגעווישט די ברילן
און געשיקט נאָך די פייקלער
די צוויי.

און, אַז די פייקלדיקע פייקלער,
האָבן פייקלדיק געפייקלט,
האָבן פייקלדיק געפייקלט
האָבן זיי. } בים

דאָס קליין מלמדל

(אויפגענומען ביי העלא איש, ווארשע)

Moderato (באַוועגט — סאָלאָ)



I

צי ווייסט איר ווער איך בין? (בים)
איך בין, איך בין, איך בין,
— צי ווייסט איר ווער איך בין?
און באַלד וועל איך אייך זאָגן. (בים)



— זאַגטזשע, זאַגטזשע, זאַגטזשע גיכער,
זאַגטזשע, זאַגטזשע, באַלד, באַלד, באַלד. (בים)

— אַ קליין מלמדל. (בים)

II

צי ווייסט איר מיט וועמען איך לערן? (בים)
איך לערן, איך לערן, איך לערן,
— צי וויים איר מיט וועמען איך לערן?
און באַלד וועל איך אייך זאָגן. (בים)

— זאַגטזשע, זאַגטזשע א. אַז. וו.

— מיט דריי תלמידימלעך. (בים)

III

און ווייסט איר וואָס זיי קענען? (בים)
זיי קענען, זיי קענען, זיי קענען,
— צי ווייסט איר וואָס זיי קענען?
און באַלד וועל איך אייך זאָגן. (בים)
— זאָגטזשע, זאָגטזשע א. אַז. וו.
— איינער קען דעם אלף־בית זאָגן,
דער אַנדערער קען דער מאַמע שלאָגן
און דער דריטער חתונה האָבן. (בים)

IV

און ווייסט איך ווען ער נעמט?
ער נעמט, ער נעמט, ער נעמט
— און ווייסט איר ווען ער נעמט?
און באַלד וועל איך אייך זאָגן. (בים)
— זאָגטזשע, זאָגטזשע א. אַז. וו.
— דעם בעדערס טעכטערל. (בים)

V

און ווייסט איר וויפיל נדן ער נעמט?
ער נעמט, ער נעמט, ער נעמט
— און ווייסט איר וויפיל נדן ער נעמט?
און באַלד וועל איך אייך זאָגן. (בים)
— זאָגטזשע, זאָגטזשע א. אַז. וו.
— פופציק קערבלעך. (בים)

פופציק זאָגט מען,
פערציק מיינט מען,
דרייסיק ציילט מען,
צוואַנציק גיט מען,
צען קערבלעך איז נישטאָ! (בים)

אונטער אַ קליין ביימעלע

(אויפגענומען ביי י. גערשטיין, ווילנע)

Allegretto **(באַוועגט)**



I

אונטער אַ קליין ביימעלע,
זיצן יינגלעך צוויי;
זיי רעדן פון אַ מיידעלע, } בים
קיין זאַך קימערט זיי.

דערציילט איינער די ניסימלעך,
וואָס ער האָט געהאַט;

כאַפּט דער אַנדערער אַרוים
דערציילט עס אַקוראַט
אונטער אַ קליין ביימעלע א. אַז. וו.

II

ער פלעגט, זאָגט ער, גאַנצע טעג,
אומגיין אומגעגעסן;
דאָרט, ווו זי האָט געוווינט,
שעהען אָפּגעזעסן.

אונטער אַ קליין ביימעלע א. אַז. וו.

III

שטורעם, ווינט, רעגן, שניי,
קיין זאַך נישט געשראָקן;
און די מאַמע אין דער היים,
געוואַרט האָט מיט אַ פלאָקן.

אונטער אַ קליין ביימעלע א. אַז. וו.

IV

און דער טאַטע צו דערצו,
מיט דעם פּאַס דעם גרויסן;
אויסגעקלאַפּט די ביינדעלעך,
אַרויסגעיאָגט אין דרויסן.
אונטער אַ קליין ביימעלע א. אַז. וו.

נחומקע מיין זון

(אויפגענומען ביי אברהם דראָזדיק, פשעמישל)

Allegretto **(באַוועגט)**



I

נחומקע מיין זון! (בים)
וועמען האָסטו ליב, זונעניו? (בים)

— אַ יידיש מיידל טאַטעניו. (בים)

II

אוי, נחומקע מיין זון! (בים)
ווער איז דאָס מיידל, זונעניו? (בים)

— אַ באַלעבאַטיש קינד, טאַטעניו. (בים)

III

אוי, נחומקע מיין זון! (בים)
וויפיל גיט זי נדן, זונעניו? (בים)

— קיין נדן האָט זי נישט, טאַטעניו. (בים)

IV

אוי, נחומקע מיין זון! (בים)
היים איך זי נישט נעמען, זונעניו! (בים)

— פרעג איך נישט ביי דיר, טאַטעניו! (בים)

V

אוי, נחומקע מיין זון! (בים)
ווען וועלן זיין די תנאים, זונעניו? (בים)

— איך פאָר שוין צו דער חופה, טאַטעניו. (בים)

VI

אוי, נחומקע מיין זון! (בים)
ווער וועט דיך בענטשן, זונעניו? (בים)

— גאָט אין הימל, טאַטעניו!(בים)

VII

אוי, נחומקע מיין זון! (בים)
גיב איך דיר מיין ברכה, זונעניו (בים)

— גיב איך דיר מיין דאַנק, טאַטעניו. (בים)

ניין מאַמע, ניין מוטער

(אויפגענומען ביי בערל לאקער)

I

הער מיך אוים, מיין ליב קינד,
איך וועל דיר עפּעס זאָגן:
איך וועל דיר געבן אַ שניידער יונג
זאָלסט מיט אים חתונה האָבן.

— ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ שניידער יונג איז זייער ביטער.
אַ שניידער יונג נייט מיט דער נאָדל
און שלאָגט דאָס ווייב בכבוד גדול...
ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ שניידער יונג איז זייער ביטער!

II

הער מיך אוים, מיין ליב קינד,
איך וועל דיר עפּעס זאָגן:
איך וועל דיר געבן אַ שוסטער יונג
זאָלסט מיט אים חתונה האָבן.

— ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ שוסטער יונג איז זייער ביטער.
ער ציט די דראַטווע מיט די ציין

Moderato **באַוועגט**



און קוקט אויף מיידלעך מלא חן...
נײַן מאַמע, נײַן מוטער,
אַ שוסטער יונג איז זייער ביטער!

III

הער מיך אויס, מיין ליב קינד,
איך וועל דיר עפּעס זאָגן:
איך וועל דיר געבן אַ סטאָליער יונג
זאָלסט מיט אים חתונה האָבן.

— ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ סטאָליער יונג איז זייער ביטער,
אַ סטאָליער יונג מאַכט אַ בעט
גייט צו דער חופּה און טראַכט אַ גט.
ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ סטאָליער יונג איז זייער ביטער!

IV

הער מיך אויס, מיין ליב קינד,
איך וועל דיר עפּעס זאָגן:
איך וועל דיר געבן אַ בעקער יונג
זאָלסט מיט אים חתונה האָבן.

— ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ בעקער יונג איז זייער ביטער.
אַ בעקער יונג באַקט אַ ברויט
און ברענגט דעם ווייב אַ גיכן טויט.
ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ בעקער יונג איז זייער ביטער!

V

הער מיך אוים, מיין ליב קינד,
איך וועל דיר עפּעס זאָגן:
איך וועל דיר געבן אַ רב אַ יונג,
זאָלסט מיט אים חתונה האָבן.

— ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ רב אַ יונג איז זייער ביטער,
אַ רב אַ יונג, קוועטשט די באַנק
און מאַכט זיין ווייבל אַלט און קראַנק.
ניין מאַמע, ניין מוטער,
אַ רב אַ יונג איז זייער ביטער.

VI

הער מיך אוים, מיין ליב קינד,
איך וועל דיר עפּעס זאָגן:
איך וועל דיר געבן אַ שרייבער יונג
זאָלסט מיט אים חתונה האָבן.

— יאָ מאַמע, יאָ מוטער,
אַ שרייבער יונג איז גאָרנישט ביטער.
אַ שרייבער יונג שרייבט מיט דער פּען
און קושט דאָס ווייבל ווען ער קען.
יאָ מאַמע, יאָ מוטער,
אַ שרייבער יונג איז גאָר נישט ביטער.

דאָס קאָזשעניצער שניידערל

(אויפגענומען ביי אברהם האנדעלזאלץ)

Allegre Moderato



I

בין איך מיר אַ שניידערל אַ גוטער,
כ׳ניי פאַרן קאָזשעניצער רבין אַ פוטער;
איך נעם אַרוים די גוטע וואַטע
און לייג אַריין אַן אַלטע שמאַטע.
טראַ לאַ לאַ.

II

בין איך מיר אַ שניידערל, ס'איז מיר גוט,
לעב איך זיך צופרידן און באַרוט;
מיטן פאָדעם און מיט דער נאָדל
לעב איך מיר אָפּ בכבוד גדול.
טראַ לאַ לאַ לאַ.

III

בין איך מיר אַ שניידערל אַ גוטער,
ניי איך מיר פאַרן קאָזשעניצער רבין אַ פוטער;
איך דריי אים אַהער, איך דריי אים אַהין
און גנבע אַראָפּ אַן אַנדערטהאַלבן ארשין.
טראַ לאַ לאַ לאַ.

IV

דער בגד איז שוין גאַנץ פאַרטיק,
טראָג איך אים אָפּ שיין און ארטיק;
ער נעמט אים קערן, ער נעמט אים דרייען
און הייסט מיר אַ קנעפּל איבערנייען.
טראַ לאַ לאַ לאַ.

V

ער זאָגט, אַז דער בגד איז נישט גוט,
און צאַפּט פון מיר אוים דאָס בלוט;
דער בגד איז גוט, ווי די וועלט,
ער וויל מיר נישט באַצאָלן קיין גראָשן געלט...
טראַ לאַ לאַ לאַ.

מיט אַ נאָדל און אָן אַ נאָדל

(אויפגענומען ביי ד״ר שמיט, ניו־יאָרק)

Moderato (באַוועגט)



I

מיט אַ נאָדל און אָן אַ נאָדל, } בּים
ניי איך מיר בּכבוד גדול.

און אַז איך האָב אַ נאָדל מיט אַ פאָדעם,
ניי איך מיר אָפּ די שענסטע בּגדים.

מיט אַ נאָדל א. אַז. וו.

II

און אַז איך האָב אַ נאָדל מיט אַ פינגערהוט
לעב איך מיר אָפּ מיין וועלט באַריט.

מיט אַ נאָדל א. אַז. וו.

III

אַבי איך נעם די שער און אייזן,
קאָן איך שוין מיין ווייב און קינדער שפּייזן.
מיט אַ נאָדל א. אַז. וו.

IV

איך פאַרלייג מיר אַ פיס אויף אַ פיס
און זינג מיר אַ לידעלע צוקער זיס.
מיט אַ נאָדל און אָן אַ נאָדל
ניי איך מיר בכבוד גדול א. אַז. וו.

דער סאַמאָוואַר

(אויפגענומען ביי יצחק קאַצענעלסאָן)

Andante (נישט גיך)



I

ביי מיין באַלעבאָס,
איז פאַראַן אַ דאָס,
שדים ווייסן וואָס איז דאָס...

II

מיט אַ גראָבן בויך,
מיט אַ קורצן האַלדז,
מיט אַ דזירי-דזים-דזים-קול.

III

גיט מען אים אַ דריי,
גיט פון אים אַ גאָס,
שדים ווייסן וואָס איז דאָס?..

אַלף-אַן אָדלער

(אויפגענומען ביי יעקב דינעזאָן)

Majesosso (ענערגיש)



אַ ל ף — אַן אָדלער טוט אונטערן הימל פליען
ב י ת — אַ באַרנבוים טוט אַלע זומער בליען,
ג י מ ל — אַ גלח טוט זיך צו דער עבודה-זרה קניען.
ד ל ת — אַ דאָקטאָר טוט געבן אויף שוויצן,
ה י — אַ הימל טוט אַלע זומער דונערן און בליצן,
ו א ו — אַ וויינער טוט אויף די פעסלעך וויין זיצן.
ז י ן — אַ זעלנער טוט אין דער מלחמה שיסן,
ח י ת — אַ חזן טוט זיך ביים דאַווענען מיט טרערן באַגיסן,
ט י ת — אַ טייך טוט לויפן און פליסן.
י ו ד — אַ יאַטקע-קלאָץ, מען טוט אויף אים פלייש האַקן,

כ ף — אַ כלה, טוט מען פאַר איר לעקעך באַקן,
ל מ ד — אַ לעבער טוט מען בראָטן און האַקן.
מ ם — אַ מיידל טוט זיך פוצן און צירן,
נ ו ן — אַ נאָז טוט אַלע ווינטער אָפּפרירן,
ס מ ך — אַ סאָד טוט מען אין אים אַלע זומער גיין שפּאַצירן,
ע י ן — אַן עקדיש טוט אין די פּיס בייסן,
פ י — אַ פויער, וואָס דער פריץ טוט אים שמייסן,
צ ד י ק — אַ צאָן טוט דער דאָקטאָר אַרויסרייסן.
ק ו ף — אַ קאָכלעפל טוט דעם טאָפּ אויסמישן,
ר י ש — אַ רב וואָס טוט אַלע דינים וויסן,
ש י ן — אַ שייגעץ טוט פון קיין אַלף נישט וויסן.
ת י ו — אַ ת(ט)אָטער אין הימל האָבן מיר אַ פאָטער,
וועט וועלן מיר שוין ווערן פון גלות פּטור.

אלף - אַן אָדלער

(אויפגענומען ביי מ. קארפינאָוויטש, ווילנע)

Moderato (באַוועגט)



אַלף — אַן אָדלער,
בית — אַ בוים,
גימל — אַ גלח.
אַן אָדלער טוט הויך פליען,
אַ בוים טוט זומער בליען
און אַ גלח טוט זיך צו דער עבודה-זרה קניען.
דלת — אַ דאָקטאָר,
הי — אַ הימל,
ואו — אַ ווײַנער.

אַ דאָקטאָר טוט רפואות נוצן,
אַ הימל טוט זומער דונערן און בליצן
און אַ ווײַנער טוט ביים האַרנע זיצן.
זין — אַ זעלנער,
חית — אַ חזן,
טית — אַ טייך,
אַ זעלנער טוט הויך שיסן,
אַ חזן טוט זיך ביים עמוד מיט טרערן באַגיסן
און אַ טייך טוט לויפן און פליסן.
יוד — אַ יאַטקע
כף — אַ קרעמער,
למד — אַ לאָפּאַטע.
אין אַ יאַטקע טוט מען אַלערליי פלייש האַקן,
אַ קרעמער טוט זיין סחורה פּאַקן
און מיט אַ לאָפּאַטע טוט מען ברויט באַקן.
מם — אַ מיידל,
נון — אַ נאָז,
סמך — אַ סרייבער,
אַ מיידל טוט זיך פּוצן און צירן,
אַ נאָז טוט ווינטער פרירן
און אַ סרייבער טוט מיט דער פען אויפן פּאַפּיר פירן.
עין — אַן עקדיש,
פּי — אַ פּריץ,
צדיק — אַ צימבלער.
אַן עקדיש איז אַ גרויסער פּראַניץ,
אַ פּריץ לעבט אין פּראַכט און גלאַניץ
און אַ צימבלער טוט צושפּילן אַ שיינעם טאַניץ.
קוף — אַ קיטקע,

ריש — אַ רביצין,
שין — אַ שדכן.
אַ קיטקע טוט מען באַקן אויף אייער,
אַ רביצין טראָגט אַ ווייסן שלייער
און אַ שדכן איז אַ קרוטשעלע אַ דרייער.
תיו — אַ טאַטער,
אין הימל האָבן מיר אַ פאָטער,
אַז משיח וועט קומען,
וועלן מיר פון אַלע צרות ווערן פטור.

אלף - אינדיקעס...

(אויפגענומען ביי א. ליטוואַק)

Andante (נישט גיך)



אַלף — אינדיקעס עסט דער נגיד.
בית — ביינדעלעך גריזשעט דער אָרימאַן.
גימל — גענדזעלעך עסט דער נגיד.
דלת — דעם דלות האָט דער אָרימאַן.
הי — הינדעלעך געפּרעגלטע עסט דער נגיד.
ואו — ווייטיקן האָט דער אָרימאַן.
זין — זעמל מיט פּוטער עסט דער נגיד.
חית — חלאתן האָט דער אָרימאַן.
טית — טייבעלעך געבראָטענע עסט דער נגיד.
יוד — יסורים האָט דער אָרימאַן.
כף — קאַלאָשן טראָגט דער נגיד.
למד — לאַפּטשעס האָט דער אָרימאַן.
מם — משקה טרינקט דער נגיד.
נון — ניכטער איז דער אָרימאַן.
סמך — סאַמעטענע קליידער טראָגט דער נגיד.
עין — ע(אָ)פּגעריסן גייט דער אָרימאַן.

פי — פּיפּקעס געבראָטענע עסט דער נגיד.
צדיק — צרות האָט דער אָרימאַן.
קוף — קאָטלעטן געפּרעגלטע עסט דער נגיד.
ריש — רעטאַך גריזשעט דער אָרימאַן.
שין — שערשעווסקים פּאַפּיראָסן רויכערט דער נגיד.
תיו — תוטין פּיפּקעט דער אָרימאַן!

שלום עליכם

(אויפגענומען ביי דוד איינהאָרן)

I

שלום עליכם, מלאכי השלום, מלאכי עליון.
מי הוא זה מלך מלכי המלכים?
אוי ווי, טאַטע זיסער, הקדוש ברוך הוא. (בים)
— אַ גוט שבת דיר רבי!
— וואָס ווילסטו מיין קינד?
— אַ סאַמעטענע היטעלע לכבוד שבת.
— וויפיל קאָסט אַ סאַמעטענע היטעלע?
— אלף ראך. (רו"כ)
— אלף ראך (רו"כ)
איז נישט קיין סך,
אַבי אַ סאַמעטענע היטעלע לכבוד שבת. (בים)

II

בואכם לשלום, מלאכי השלום, מלאכי עליון.
מי הוא זה מלך מלכי המלכים?
אוי ווי, טאַטע זיסער, הקדוש ברוך הוא. (בים)
— אַ גוט שבת דיר רבי!
— וואָס ווילסטו מיין קינד?
— אַ זיידן גאַרטעלע לכבוד שבת.
— וויפיל קאָסט אַ זיידן גאַרטעלע?
— שלשה ראך. (רו"כ)
— שלשה ראך (רו"כ)
איז נישט קיין סך,
אַבי אַ זיידן גאַרטעלע לכבוד שבת. (בים)

Andante religioso (פאַמעלעך רעליגיעז)



III

ברכוני לשלום, מלאכי השלום, מלאכי עליון.
מי הוא זה מלך מלכי המלכים?
אוי וויי, טאַטע זיסער, הקדוש ברוך הוא. (בים)
— אַ גוט שבת דיר רבי!
— וואָס ווילסטו מיין קינד?
— אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטקע לכבוד שבת.
— וויפיל קאָסט אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטקע?
— שלשים ראַך. (רו"ב)
— שלשים ראַך
איז נישט קיין סך,
אַבי אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטקע לכבוד שבת. (בים)

IV

צאתכם לשלום, מלאכי השלום, מלאכי עליון.
מי הוא זה מלך מלכי המלכים?
אוי וויי, טאַטע זיסער, הקדוש ברוך הוא. (בים)
— אַ גוט שבת דיר רבי!
— וואָס ווילסטו מיין קינד?
— אַ שבתא מלכתא לכבוד שבת.
— וויפיל קאָסט אַ שבתא מלכתא?
— אלף ראַך! (רו"ב)
— אלף ראַך
איז נישט קיין סך,
אַבי אַ שבתא מלכתא לכבוד שבת. (בים)

ווי אַזוי לעבט דער קייסער?

(אויפגענומען ביי משה בראָדערזאָן)

I

רבותי, רבותי, חכמים אָן אַ ברעג!
כ'וועל אייך פרעגן, כ'וועל אייך פרעגן!
— פרעג זשע, פרעג זשע, פרעג!
ענטפערט אַלע,
אויף מיין שאלה:
ווי טרינקט דער קייסער טיי?
— טיי?
מע נעמט אַ הוטעלע צוקער,
מע מאַכט אין דעם אַ לעכעלע,
מע גיסט אַריין היים וואַסער,
און מע מישט, און מע מישט.
אוי, אָט אַזוי, אוי, אָט אַזוי,
אָט אַזוי טרינקט דער קייסער טיי.

II

רבותי, רבותי, חכמים אָן אַ ברעג!
כ'וועל אייך פרעגן, כ'וועל אייך פרעגן!
— פרעג זשע, פרעג זשע, פרעג!
ענטפערט אַלע,

Majestosso (קייזערלעך)



אויף מיין שאלה:

ווי עסט דער קייסער בולבעס?

— בולבעס?

מע שטעלט אַוועק אַ וואַנט מיט פּוטער
און אַ סאָלדאַטל מיט אַ האַרמאַטל
שיסט דורך די פּוטער מיט אַ הייסער בולבע
און טרעפט דעם קייסער גלייך אין מויל אַריין,
אוי, אָט אַזוי, אוי, אָט אַזוי,
אָט אַזוי עסט דער קייסער בולבעס.

III

רבותי, רבותי, חכמים אָן אַ ברעג!
כ׳וועל אייך פרעגן, כ׳וועל אייך פרעגן!
— פרעג זשע, פרעג זשע, פרעג!
ענטפערט אַלע,
אויף מיין שאלה:
ווי שלאָפט דער קייסער ביינאַכט?
— ווי ער שלאָפט?
מען שיט אָן אַ פולן חדר מיט פעדערן
און מע שליידערט אַריין אַהינצעצו דעם קייסער
און דריי ראָטעס סאָלדאַטן שטייען און שרייען:
שאַ!! שאַ!! שאַ!!
אוי, אָט אַזוי, אוי, אָט אַזוי,
אָט אַזוי שלאָפט דער קייסער ביינאַכט!

אברהמעלע מלמד

(אויפגענומען ביי ש. סלוצקי, קאָוונע)

Andante (פּאַמעלעך)



I

אברהמעלע מלמד!
אברהמעלע מלמד!

אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד!

ביי וועמען האָט מען פּסח צום ערשטן סדר געפֿונען
אַ גערשט אין די קניידלעך?

— ביי אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד!

II

ביי וועמען האָט שבֿועות די קאַץ אויסגעלעקט די
פּוטער און ער איז געבליבן אָן בלינצעס?

— ביי אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד א. אַז. וו.

III

ווער איז ראש־השנה געגאַנגען פֿאַר מוסף אין מקווה
און האָט פֿאַרשפּעטיקט די תקיעות?

— אבֿרהמעלע מלמד!
אבֿרהמעלע מלמד א. אַז. וו.

IV

ביי וועמען איז ערב יום־כפור געפּגרט דער ווייסער
האָן און ער איז געבליבן אָן אַ כפרה?
— ביי אברהמעלע מלמד!
אברהמעלע מלמד א. אַז. וו.

V

ביי וועמען איז סוכות אַראָפּגעפאַלן אין שול דער
אתרוג און ס׳האָט זיך אָפּגעבראָכן דער פּיטום?
ביי אברהמעלע מלמד!
אברהמעלע מלמד א. אַז. וו.

זעקסטער טייל
טיש און טרינק-לידער

אַ פּאַסטוכל

Andante non troppo **(פּאַמעלעך)**



I

איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטוכל,
אַ פּאַסטוכל,
איז אים פאַרלוירן געגאַנגען
זיין איין און איינציק שעפּעלע.
גייט ער, זעט ער אַ פור מיט שטיינדעלעך,
מיט שטיינדעלעך.

האַט ער געמיינט, אַז דאָס איז פון שעפּעלע די ביינדעלעך.
זאָגט ער: אדוני, אדוני, אדוני,
טשי נע באַטשיוו טי?
טשי נע ווידזיאַל טי?
מאָיע אָווצי?
מאַכט ער:
— ניעט!
בידא, בידו,
נעמאַ, נישטאַ,
אַ יאַק זשע יאַ
דאַ דאָמו פּרידו...

II

גייט ער, זעט ער אַ פור מיט דערנערלעך
מיט דערנערלעך,
האַט ער געמיינט, אַז דאָס איז
פון שעפּעלע די הערנערלעך,
גייט ער, זעט ער אַ פור מיט ניסעלעך,
מיט ניסעלעך,
האַט ער געמיינט, אַז דאָס איז פון שעפּעלע די פיסעלעך.
זאָגט ער: אדוני, אדוני, אדוני,
טשי נע באַטשיוו טי?
טשי נע ווידזיאַל טי?
מאָיע אָווצי?
מאַכט ער:
— ניעט!
בידא, בידו,
נעמאַ, נישטאַ,
אַ יאַק זשע יאַ דאַ דאָמו פּרידו...

אַ פּאַסטוכל

(אויפגענומען ביי משה בראָדערזאָן)

I

אַז גאָט וויל אָנשיקן אויף אַ פּאַסטוך אַ צרה,
פֿאַרבלאָנדזשעט ער אים דאָס איין איינציקע שעפּעלע
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי!
בידא בידו,
נימאַ נישטאַ,
אַ יאַק זשע יאַ בידני דאַ דאָמו דאַ זשאָני
בעז אָווצי פּרידו.

II

גייט ער, זעט ער אַ וואָגן מיט שטיינדעלעך
האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז פֿון שעפּעלע די ביינדעלעך.

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי!
בידאַ, בידו א. אַז. וו.

III

גייט ער, זעט ער פֿון דערווייטנס
אַ יונגעטשקער פּויערל גייט, און מען רופֿט אים הריציו.
שרייט ער:

Recitativo a la pastorale (פּאַסטאָראַל)





— הריציו, הריציו, הריציו!

— טשעהאָ?

— טשי טי ני באַטשיוו מאָיו אָוויעטשענקו?

— יאַקוויו?

— נאַ לעבו ריזשענקו, פיד באָראָדעק סטריזשענקו.

— אַ כוואָסטיק?

— בעלינקי.

— ני ני באַטשיוו.

בידאַ, בידו א. אַז. וו.

IV

גייט ער, זעט ער פון דערווייטנס אַן אַלטיטשקער פויערל גייט און מען רופט אים הריציו.

שרייט ער:

— הריציו, הריציו, הריציו!

— טשעהאַ?

— טשי טי ני באַטשיוו מאָיו אָוויעטשענקו?

— יאַקוויו?

— נאַ לעבו ריזשענקו, פיד באָראָדעק סטריזשענקו.

— אַ כוואָסטיק?

— קוצענקי!

— באַטשיוו, באַטשיוו!

— ני בידאַ, ני בידו,

דאָס שעפּעלע איז דאָ.

אַ יאַק זשע יאַ וועסאָלי

דאַ דאָמו דאַ זשאָני ז׳אָווצאָי פרידו.

פאָ כאַסידאַצקאָמו

Andante

(פאַמעלעך)



זאַהאַריי מענע, קאָזאַטשענקאָ
נאָ דודו, נאָ דודו.
פּאָ האַסידאַצקאָמו! (בים)
וואָס מען טאָר נישט,
טאָר מען נישט, טאָר מען נישט, טאָר מען נישט,
און וואָס מען מעג, טאָר מען דאָך אויך נישט,
אוי, מען טאָר נישט און מען דאַרף נישט,



און ס׳גלוסט זיך נישט און ס׳ווילט זיך נישט,
עד שתצא הנשמה,
פאַרוואָס? פאַרוואָס?
— ווייל כדי כחו וגבורתו לספר,
איז אַ קאַפּיטל תהלים,
מיט אַ פרק משניות,
מיט אַ בלעטל גמרא
טאַקע אויך נישט מכפר.

II

זאַהאַריי מענע, קאָזאַטשענקאָ
נאָ דודו, נאָ דודו.
פאָ מתנגדסקאָמו! (ביס)
וואָס מען טאָר נישט,
טאָר מען נישט, טאָר מען נישט, טאָר מען נישט,

און וואָס מען מעג, מעג מען דאָך טאַקע!
אוי, מען טאָר נישט און מען דאַרף נישט,
כאָטש ס׳גלוסט זיך און ס׳ווילט זיך
עד שתצא הנשמה,
פאַרוואָס? פאַרוואָס?
— ווייל כדי כחו וגבורתו לספר,
איז אַ קאַפּיטל תהלים,
מיט אַ פּרק משניות,
מיט אַ בלעטל גמרא
טאַקע יאָ מכפּר.

III

זאַהאַריי מענע, קאַזאַטשענקאָ
נאַ דודו, נאַ דודו.
פאָ אַריסטאָקראַטסקאָמו! (בים)
אוי, וואָס מען טאָר נישט,
טאָר מען דאָך, טאָר מען דאָך, טאָר מען דאָך,
און וואָס מען מעג, מעג מען דאָך אַוודאי!
אוי, מען מעג און מען דאַרף,
און ס׳גלוסט זיך און ס׳ווילט זיך
עד שתצא הנשמה,
פאַרוואָס? פאַרוואָס?
— ווייל כדי כחו וגבורתו לספר,
איז אַ קאַפּיטל תהלים,
מיט אַ פּרק משניות,
מיט אַ בלעטל גמרא
סיי ווי סיי נישט מכפּר.

מיקיטקאַ

Recitativo (אוקראַאיניש)



I

אַך טי, מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, שאַ סטאַבאַי בודע?
יאַק בודעש כוואָראַטי,

אָ דאָקטאָר ק'טעבע בודע פריכאָדאַטי,
אי רפואות טעבע בודע דאַוואַטי,
אַ טעבע, מיקיטקאָ, טאָ נע בודע פּאָמאַהאַטי,
אַך וואַלאַי נע וואַלאַי, טרעבאַ אומיראַטי,
ולפני מלך מלכי המלכים דין וחשבון טרעבאַ אָטדאַוואַטי?
(צוזינג)

II

אַך מיקיטקאָ, מיקיטקאָ, שאָ סטאָבאָי בודע?
יאַק בודעש אומיראַטי,
אַ טרי סאָלאַמייקי בודוט פיד טאָבאָי פּאָדקלידאַטי.
אַ דיטקי מאַלענקי אי זשינקאָ בודוט זאַ טאָבאָי פלאַקאַטי,
אַ חברה לויה בודוט טעבע וויניאָסאַטי,
אַ חברה קדישא בודעט טעבע זאַקאָפּאַטי,
אי מלאך הדומה פרידע אי בודע ספּיטאַטי:
„מה שמך?" יאַק זוואַטי?
אַ טי, מיקיטקאָ, מיקיטקאָ, בודעש לעזשאַטי
אי נע בודעש זנאַטי יאַק אַטוויטשאַטי...

רויז, רויז, ווי ווייט ביזטו?

(אויפגענומען ביי דניאל לייבל)



דער רימיניווער רבי איז אַרויסגעגאַנגען פרייטיק פאַר נאַכט אין פעלד אַריין האָט ער געהערט אַ פּאַסטוך זינגען אַ ליד: „רוזשאַ, רוזשאַ יאַק טי דאַ־לעקאַן" האָט ער געזאָגט, אַז מען קאָן נישט וויסן, וואָס פאַר אַ סודות עס שטעקט אין דעם דאָזיקן ניגון און אויף מאָרגן צו שלוש־סעודות האָט ער גע־זונגען דעם זעלבן ניגון מיט די ווערטער:

I

רויז, רויז, ווי ווייט ביזטו?
וואַלד, וואַלד, ווי גרויס ביזטו?
וואָלט די רויז נישט אַזוי ווייט געווען,
וואָלט דער וואַלד נישט אַזוי גרויס געווען.

II

שכינה, שכינה, ווי ווייט ביזטו?
גלות, גלות, ווי לאַנג ביזטו?
וואָלט די שכינה נישט אַזוי ווייט געווען,
וואָלט דער גלות נישט אַזוי לאַנג געווען.

דאָס ליד ווערט ווידערהאָלט מיט ווערטער און אָן ווערטער אָן אַ סוף.

ציא טוט קראוויעץ מעשקא?

(אויפגענומען ביי נ. יאנאָווסקי, ווילנע)

Religioso chasidoso (רעטשיטאַטיוומעסיק)



— רביניו!

— וואָס מיין קינד?

— דאָ איז געווען אַ שייגעץ.

— אַ שייגעץ? וואָס האָט דער שייגעץ געזאָגט?

— דער שייגעץ האָט געזאָגט: ציא.

— „ציא"? אוי, „ציא" איז אַ הייליקער וואָרט,

„ציא" איז בגימטריאַ קוף אלף.

מען דאַרף לערנען די תורה קוף אלף פעמים,

און דאָס איז געווען אַ מלאך.

— רביניו!
— וואָס מיין קינד א. אַז. וו.
— דער שייגעץ האָט געזאָגט: „טוט"!
— אַי „טוט"? „טוט" איז אַ הייליקער וואָרט,
„טוט" מאַכט טלית און תפילין,
„ציא" איז בגימטריאַ קוף אלף.
מען דאַרף לערנען די תורה קוף אלף פעמים,
און דאָס איז געווען אַ מלאך.

— רביניו!
— וואָס מיין קינד א. אַז. וו.
— דער שייגעץ האָט געזאָגט: „קראַוועץ".
„קראַוועץ" מאַכט קול רינה וישועה, באהלי צדיקים,
„טוט" מאַכט טלית און תפילין,
„ציא" איז בגימטריאַ קוף אלף.
מען דאַרף לערנען די תורה קוף אלף פעמים,
און דאָס איז געווען אַ מלאך.

— רביניו!
— וואָס מיין קינד א. אַז. וו.
— דער שייגעץ האָט געזאָגט: „מעשקאַ"!
— אוי, „מעשקאַ?", „מעשקא" איז אַ הייליקער וואָרט,
„מעשקא" מיינט מען משקה,
מען דאַרף נעמען אַ ביסעלע משקה,
„קראַוועץ" מאַכט: קול רינה וישועה באהלי צדיקים,
„טוט" מאַכט טלית און תפילין,
„ציא" איז בגימטריאַ קוף אלף.
מען דאַרף לערנען די תורה קוף אלף פעמים,
און דאָס איז געווען אַ מלאך!..

דער אַדרעס צום ליאַדיער רבין

(אויפגענומען ביים ארטיסט וו. גאדיס)

וו׳מיעסטעטשקאָ ליאַדיניו, —
אַ פּינטעלע.
מאַהילעווסקאי הובערניו, —
אַ פּינטעלע.
דוכאָוונאָמו ראַבינו שנייערסאָנו —
אַ פּינטעלע.
על כן שרייב איך דיר הייליקער רביניו,
אַז די פּרנסה איז ביי מיר נישט אַי אַי אַי אַי אַי אַי,
און די ווייב איז בלו הבריאות אויך נישט אַזוי
אַי אַי אַי אַי אַי אַי,
און דו ביזט דאָך דער גרויסער אַי אַי אַי אַי אַי אַי,
טאָ העלף זשע מיר!

וו׳מעסטעטשקאָ ליאַדיניו,
מאַהילעווסקאַי הובערניו,
דוכאָוונאָמו ראַבינו
שנייערסאָנו! } בים

Recitativo **(רעטשיטאַטיוו)**



קודי יידיש?..

(אויפגענומען ביי ש. שרייער, אסטראַ)

Moderato (גישט גיך)



I

אוי, יידיש,
קודי יידיש?
זאַטשעם יידיש?
יידיש, יידיש, יידיש,
יידיש, יידיש, יידיש.
און אַז מען טראַכט —
טראַכט מען יידיש.
און אַז מען רעדט —
רעדט מען יידיש.

יידיש, יידיש, יידיש,
יידיש, יידיש, יידיש.

II

יאַק יידיש —
טאַ פאַיידיש.
יאַק יידיש —
טאַ דאַיידיש,
יידיש, יידיש, יידיש,
יידיש, יידיש, יידיש.
טאַ ני פאַיידיש;
יאַק ני יידיש
טאַ ני דאַיידיש.
יידיש, יידיש, יידיש,
יידיש, יידיש, יידיש.

און אַזוי ווייטער זינגט מען דאָס מיט אייגענע ווערטער למשל:
און אַז מען עסט —
עסט מען יידיש.
און אַז מען זינגט —
זינגט מען יידיש.
דער היוצא לנו, אַז וואָס אַ ייד טוט, דאַרף זיין יידיש.
דער וויץ פון לידל איז, וואָס דאָס וואָרט „יידיש" טייטשט זיך אויס אויף אוקראַאיניש „פאַרן" און אויף יידיש איז דאָס יידיש — יידישלעך...

זיבעטער טייל
יידיש-גויאישע לידער

מיר זענען ניכטער

(אויפגענומען ביי י. גערשטיין, ווילנע)



מיר זענען ניכטער,
מיר זענען ניכטער,
טרוקן איז ביי אונדז אין האלדז!
גיט אביסל משקה, בים
גיט אביסל משקה,
וועלן מיר זינגען באלד!

דאס ליד ווערט דאס רוב געזונגען באלד ווי מען זעצט זיך ארום די טישן אויף א יידישער שמחה אדער באנקעט, איידער מען נעמט נאך עפעס אין מויל אריין און דאס ליד שאפט באלד א פרייליכע שטימונג. דאס ליד ווערט איבער־געחזרט אן א סוף און וואס ווייטער מיט מער עקסטאז און עס לאזט זיך לייכט פון די מיטזינגער צוצופאסן א צווייטע שטימע, אז עס זאל ווערן א דועט.

עפנט רביצין, חסידים גייען

(אויפגענומען ביי אברהם לעווינסאָן)



עפנט רביצין, חסידים גייען,
חסידים גייען,
ווילן זיך פרייען.

חסידים גייען
אין פּאַנטאָפל;
— זיי וועלן דאָך צוגנבענען
די זילבערנע לעפל...

(בים)

רביצין, רביצין
האָט קיין מורא!
חסידים גייען לערנען תורה.

(בים)

איינער שרייט אויס: דער רבי גייט! און אַלע כאַפּן אונטער מיט התלהבות:

לאָמיר אַלע אין איינעם, דעם רבין מקבל פּנים זיין

Maestuoso (פייערלעך)



לאָמיר אַלע אין איינעם,
דעב רבין מקבל פנים זיין;
לאָמיר אַלע אין איינעם (בים)
דעם רבין משמח זיין;
לאָמיר אַלע, אַלע אין איינעם (בים)
טרינקען אַ גלעזל וויין.

דאָס פּאָפּולערסטע לידל אויף אַ שמחה ביים אויפנעמען אַ גאַסט אָדער אויף אַ באַנקעט לכבוד אַ בעל־שמחה, ווו אַנשטאָט „דעם רבין מקבל פנים זיין", זינגט מען דעם נאָמען פון בעל־שמחה.

שאַ, שטיל, מאַכט נישט קיין גערודער

(אויפגענומען ביי י. ל. וואלמאן, ווארשע)

Andante (פאַמעלעך און חסידיש)



I

שאַ, שטיל, מאַכט נישט קיין גערודער,
דער רבי גייט שוין טאַנצן ווידער;
שאַ, שטיל, מאַכט נישט קיין געוואַלד,
דער רבי גייט שוין טאַנצן באַלד.

און אַז דער רבי טאַנצט,
טאַנצן מיט די ווענט,
לאָמיר אַלע פליעסקען מיט די הענט.
שאַ, שטיל א. אז. וו.

II

און אַז דער רבי טאַנצט,
טאַנצט דאָך מיט דער טיש,
לאָמיר אַלע קלאַפּן מיט די פּיס.
שאַ, שטיל א. אז. וו.

III

און אַז דער רבי זינגט
דעם הייליקן ניגון,
בלייבט דער שטן אַ טויטער ליגן.
שאַ, שטיל א. אז. וו.

באַלעבאָסטע זיסינקע

(אויפגענומען ביי שלום עליכמען)

Andante (פאַמעלעך)



I

באַלעבאָסטע זיסינקע, זיסינקע, זיסע באַלעבאָסטע,
באַלעבאָסטע זיסינקע, זיסינקע באַלעבאָסטע!
באַלעבאָסטע זיסינקע,
באַלעבאָסטע זיסינקע,
באַלעבאָסטע זיסינקע,
זיסינקע באַלעבאָסטע!

באַלעבאָסטע זיסינקע, זיסע באַלעבאָסטע.
באַלעבאָסטינקע, זיסינקע אוגערקעלעך.

II

באַלעבאָסטע פרישינקע א. א. וו.
פרישינקע בולקעלעך.

III

באַלעבאָסטע צאַפּלדיקע א. א. וו.
צאַפּלדיקע פישעלעך.

IV

באַלעבאָסטע פעטינקע א. א. וו.
פעטינקע יויכעלעך.

V

באַלעבאָסטע הייסינקע, א. א. וו.
הייסינקע קאַרטאָפּעלעך...

צו דעם פאָלקס־לידל האט שלום עליכם מיר געזונגען פיל פאלקסטימלעכע צוויי־דייטנדיקע חניפה־ און ליבּ־ווערטער פאַר דער באַלעבאָסטע. ליידער האָב איך נישט אַלץ פאַרצייכנט און מעגלעך אַז שלום עליכם אַליין האט זיי אויך נישט פאַרצייכנט.

די משקה

(אויפגענומען ביי פרץ מארקיש)

Andante (פאַמעלעך)



I

איך וועל דיך, משקה, ערלעך האַלטן, } בים
כ'וועל שטיין פאַר דיר, ווי פאַר אַן אַלטן; }
איך וועל דיך ערלעך האַלטן משקה,
ווייל איך דאַרף אין דיינער לאַסקע.
טראַ, לאַ-לאַ, לאַ-לאַ, לאַ-לאַ,
טראַ-לאַ, לאַ-לאַ, לאַ-לאַ, לאַ-לאַ;
טראַ, לאַ-לאַ, לאַ-לאַ, לאַ-לאַ,
טראַ-לאַ, לאַ-לאַ, לאַ!

II

בשעת דער שדכן איז געקומען צו מיין זיידע,
דעם טאַטן מיט דער מאַמע אַ שידוך רעדן,
האָט מען גערעדט און גערעדט אומזיסט,
ביז דאָס גלעזל משקה האָט זיך אַריינגעמישט.
צוליב דער משקה איז דער שידוך געשלאָסן,
דער טאַטע איז געוואָרן דער מאַמעס חתן.
טראַ לאַ־לאַ א. אַז. וו.

III

מ'האָט טאַקע באַלד די חתונה געמאַכט
און געטרונקען משקה אַ גאַנצע נאַכט;
מיט גרויסע גלעזער האָבן געטרונקען אַלע,
לכבוד דעם חתן און לכבוד דער כלה.
דורך משקה האָט דער טאַטע די מאַמע גענומען,
דורך משקה בין איך אויף דער וועלט געקומען.
טראַ, לאַ־לאַ, א. אַז. וו.

IV

איך געדענק נאָך ביי מיין ברית,
איז דאָס גלעזל משקה נישט אַראָפּ פון טיש;
דע עולם האָט געשריגן: מזל־טוב
דאָס קינד זאָל וואַקסן און זיין אַ רב.
אָט דעריבער טרינק איך אַ רוב־כוס,
דעריבער טרינק איך אָן אַ מאָס.
טראַ, לאַ־לאַ, א. אַז. וו.

V

איך געדענק, אַז מ׳האָט מיך אין חדר געבראַכט,
האָט מען געהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט;
און דער רבי, רב העשל,
האָט געטרונקען פון גאַנצן פלעשל.
און ביי אים אין חדר האָב איך געקריגן אַ פּעולה:
צו טרינקען משקה גאָר אַ פולע...
טראַ, לאַ־לאַ, א. אַז. וו.

VI

אויף מיין בר־מצוה האָב איך געזאָגט אַ דרשה,
אַז נעמען אַ ביסל משקה איז גאָר נישקשה,
אַז אליין בכבודו ובעצמו דער קייסער,
איז דאָך, במחילה, אַ שכור אַ גרויסער;
דערפאַר ברידער, אָרים און רייך,
לאָמיר טרינקען אַלע גלייך.
טראַ, לאַ־לאַ, א. אַז. וו.

VII

איך געדענק אויף מיינע תנאים,
האָבן אַלע געטרונקען, ווי די גוים;
און מען האָט טעפּ געבראָכן,
און די משקה איז פון טיש נישט אַראָפּגעקראָכן.
און איך האָב נישט געקוקט, וואָס איך בין אַ חתן,
און אַלע ווילע אַריינגעגאָסן.
טראַ, לאַ־לאַ, א. אַז. וו.

VIII

איך געדענק, אַז מען האָט מיך צו דער חופּה געפירט,
האָט מען גענומען צו ביסעלעך שפּירט;
און דער רב האָט געזאָגט די ברכות
און אין בעכער איז געבליבן אַ קדחת...
און איך בין געשטאַנען, ווי אַ פיינער יונג
און געלעקט דעם בעכער מיט דעם צונג.
טראַ, לאַ־לאַ, א. אַז. וו.

XI

באַלד נאָך דער חתונה האָב איך זיך מיט דער ווייב
אָנגעהויבן קריגן,
זענען מיר געפאָרן צו אַ גוטן יידן;
האָט דער גוטער ייד אונדז געגעבן אַ שמירה,
מיר זאָלן אַריבער אויף אַ נייער דירה;
און אויף דער נייער דירה האָב איך דאָס ווייב ניט געהערט
און אַלע ווײלע אַריינגעקערט.
טראַ, לאַ־לאַ, א. אַז. וו.

X

מיין ביסעלע יאָרן, ווען איך וועל אויסלעבן,
וויל איך מען זאָל מיר אין קבר מיטגעבן:
אַ פּעסעלע משקה נאָענט ביי דער וואַנט,
אַ גרויסע גלאָז אין דער רעכטער האַנט;
צו תחית־המתים בין איך ווידער דאָ...
און טרינק באַלד משקה אין דער ערשטער שעה.
טראַ, לאַ־לאַ, א. אַז. וו.

לכבוד דעם הייליקן בים באָם

(אויפגענומען ביי אַלעקסאַנדער פּאַרבאַ)



I

אָי, גבאי!

וואָס וויל דער הייליקער רבי?

— דער רבי וויל מען זאָל דערלאַנגען צום טיש.
— יאָ, רביניו, יאָ,
עס איז דאָך אַן עונג שבת,
לכבוד דעם הייליקן שבת. (בים)
בים באַם בים באַם בים באַם } בים
לכבוד דעם הייליקן בים באַם

II

אָי, גבאי!
וואָס וויל דער הייליקער רבי?
— דער רבי וויל מען זאָל דערלאַנגען די פיש.
— יאָ, רביניו, יאָ א. אַז. וו.

III

אָי, גבאי א. אַז. וו.
דער רבי וויל מען זאָל דערלאַנגען דעם פלייש*) א. אַז. וו.

*) דערנאָך גייט יויך מיט לאָקשן, צימעס, עס קאָן אויך זיין פּאַטשיא מיט קוגל מיט וואָס נאָר עס ברענגט דעם אמתן עונג־שבת.

איין מאָל טו איך זיך באַנייען

(אויפגענומען ביי ברוך צוקערמאַן, ניו־יאָרק)



I

איין מאָל, איין מאָל, איין מאָל, איין מאָל, איין מאָל.
איין מאָל טו איך זיך באַנייען;

בים } אַ גאַנצע וואָך, האָרעוועט מען דאָך,
אויף שבת דאַרף מען לייען.

II

לייען, לייען? לייען, לייען, לייען
זאָל מען נישט באַדאַרפן;

בים } שבת אָן כרייז, קאָן מען זיך באַגיין,
אָבער נישט אָן בראָנפן.

III

בראָנפּן, בראָנפּן, בראָנפּן, בראָנפּן
דאָס איז דאָך מיין נחמה;
אַז איך מאַך אַ כוס נאָך אַ כוס,
דערקוויק איך מיין נשמה. } בים

IV

מיין נשמה, מיין נשמה? מיט מיין נחמה,
זענען דאָך אינגאַנצן;
אַז איך נעם אַ כוס נאָך אַ כוס,
גייען די פּיסעלעך טאַנצן. } בים

V

טאַנצן, טאַנצן? טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן
איז גאָר אַ הויכע מידה;
און אַז איך נעם נאָך אַמאָל אַ כוס,
טאַנץ איך מיט אַ חסידה. } בים

VI

מיט אַ חסידה, מיט אַ חסידה? מיט אַ חסידה
איז דאָך אַ גרויסע עבירה;
אָבער, אַז איך נעם אַ כוס נאָך אַ כוס,
האָב איך נישט קיין ברירה. } בים

VII

צו טאַנצן, צו זינגען, צו שפּרינגען,
דערצו טו איך טויגן;
אַז איך מאַך אַ שנאַפּס נאָך אַ שנאַפּס,
באַקום איך קלאָרע אויגן. } בים

VIII

אויגן, אויגן, אויגן —
אויגן האָבן איך קלאָרע;
אַז איך מאַך אַ שנאַפּס נאָך אַ שנאַפּס,
איז: שהכל נהיה בדברו. } בים

לעבן לאַסן וואָל...

(אויפגענומען ביי א. לערמאַן, וואַרשע)

Moderato (באַוועגט)



לעבן לאַססען וואָהל, (בים)
אַלע אונדזערע פריינדע!
צו גרונדע לאַססען גייען, (בים)
אַלע אונדזערע פיינדע!

דער הערר...
זאָל לאַנג לעבען
מיט זיין גאַנצער פאַמיליע.
וויוואַט, וויוואַט, וויוואַט,
צאַהלען זי געלט!...

דאָס איז זייער אַן אַלטער יידישער בדחנישער וויוואַט פון דער עפּאָכע, ווען מען האָט גערעדט דייטשמעריש. צו די ווערטער: „דער הערר"... ווערט צוגעגעבן דער נאָמען פון דעם מחותן אָדער גאַסט פאַר וועמענס כבוד־וועגן דער בדחן מאַכט דעם וויוואַט. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אויך די ענדע, ווי ער ענדיקט דריי מאָל „וויוואַט", שטרעקט ער באַלד אויס די האַנט:

פון וואַנען קומט אַ ייד

(אויפגענומען ביי י. פאַט, ביאַליסטאָק)





פון וואַנען קומט אַ ייד?
פון וואַנען קומט אַ ייד?
פון וואַנען קומט אַ ייד?
— פון ליובאַוויטש! (בים)
וואָס טוט מען אין ליובאַוויטש? (דריי מאָל)
— מען טרינקט בראַנפן און מען הוליעט
און מען טאַנצט אַ קאַראַהאָד.

(פיר מאָל בים — for the last two lines)

איה״ש ביים רבין

(אויפגענומען ביי י. י. טרונק)

Andante (מיט חסידישן ברען)



I

געוואַלד, געוואַלד,
געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד!
גוטער ברודער, טייערער ברודער! (בים)
ווען, ווען ווען מיר מיר זיך זען? (בים)
— אַז גאָט וועט געבן
געזונט און לעבן,
איה״ש ביים רבין
וועלן מיר זיך זען!

II

געוואַלד א. אַז. וו.
ווען, ווען וועלן מיר אַ ביסעלע משקה טרינקען א. אַז. וו.

III

געוואַלד א. אַז. וו.
ווען, ווען וועלן מיר אַ רקודל טאַנצן א. אַז. וו.

אלו ואלו צועקים בך

(אויפגענומען ביי ש. ציעפּעלעוויטש, ריגע)



I

בעלי־בתים היושבים בבתיהם
ושותים יין בכליהם.
אלו ואלו צועקים בך:
אַ טרונק בראָנפן ווילט זיך דאָך!

II

בעלי־בתים, וואָס וווינען אין אייגענע הייזער
טרינקען אוים בראָנפן גאַנצע ברייזער.
אלו ואלו צועקים בקול:
אַ טרונק בראָנפן איז דאָך וויל!

III

דינים היושבים אצל הכנסל,
השותים יין אַ פולע פלעשל.
אלו ואלו צועקים בקול:
אַ טרונק בראָנפן איז דאָך וויל!

IV

רבנים, וואָס לערנען משניות פוסק
טרינקען בראָנפן מיט גרויס חשק.
אלו ואלו צועקים בך:
אַ טרונק בראָנפן ווילט זיך דאָך!

V

גנבים היושבים במחתרת
ושותים יין בכלי חרס.
אלו ואלו צועקים חי:
אַ טרונק בראָנפן פאָדאַוואַי!

VI

גנבים, וואָס ברעכן, שלעסער פון שטאָל
טרינקען בראָנפן גאָר אָן אַ צאָל.
אלו ואלו צועקים חי:
אַ טרונק בראָנפן פאָדאַוואַי!

VII

דאָקטוירים, וואָס מאַכן דעם חולה קראַנקער
טרינקן בראָנפן אַ גאַנצן אַנקער.
אלו ואלו צועקים בך:
אַ טרונק בראָנפן ווילט זיך דאָך!

VIII

הענדלער היושבים אצל ההענדל
ושותים יין אַ פולע פענדל.
אלו ואלו צועקים בקול:
אַ טרונק בראָנפן איז דאָך וויל!

IX

מלמדים וואָס לערנען מיט קינדער גמרא,
טרינקען בראָנפן אין דער גרעסטער צרה.
אלו ואלו צועקים חי:
אַ טרונק בראָנפן פאַדאַוואַי!

X

אַרבעטער פון פאַבריקן און „מייסטערסקייען"
טרינקען בראָנפן און מאַכן אַ לחיים.
אלו ואלו צועקים חי:
אַ טרונק בראָנפן פאַדאַוואַי!

אַכטער טייל

גאַס און גנבים-לידער

וואָס ביזטו קאָטינקע ברוגז?

(אויפגענומען ביי יצחק קאַצענעלסאָן)



I

וואָס ביזטו קאָטינקע באַרוגז,
וואָס גייסטו אַראָפּגעלאָזט די נאָז?
אוי, אפשר ווילסטו וויסן מיין יחוס
און פון וואַנען און פון וואָס.

II

מיין טאַטע איז אַ שמאַרעוואָזניק,
די מאַמע גנבעט פיש אין מאַרק,
און דער ברודער איז אַ קאַרטאָזשניק,
און די שוועסטער... טי די די די די די דאָם...

III

דער פעטער איז געשטאַנען אין די ראָגן,
די מומע — אַ הענדלערקע אין גאַס;
און דער ברודער זיצט אין די אַסטראָגן,
און די שוועסטער... טי די די די די די דאַם...

IV

דער זיידע איז געווען אַ שוחט,
די באָבע — אַ טוקערן אין באָד;
און אַליין בין איך אַ ממזר,
און געקומען בין איך פון פריוט...

פלי זשע מיין פייגעלע

(אויפגענומען ביי משה בראָדערזאָן)

Allegretto (באַוועגלעך)



I

פלי זשע מיין פייגעלע, העכער פון אַלע,
גיב אָפּ אַ גרוס מיין ליבע כלה.
אוי, כ'וועל שוין מער נישט גנבענען,
גנבענען, גנבענען, גנבענען;
כ'וועל שוין מער נישט גנבענען,
נאָר דאָס מאָל און נאָך אַמאָל.

II

פלי זשע מיין פייגעלע, העכער מאָווער,
גיב אָפּ אַ גרוס מיין ליבן חבר.
אוי, כוועל שוין מער נישט א. אז. וו.

III

פלי זשע מיין פייגעלע, העכער און העכער,
דער ערשטער פּאַטשין — אַ גאָלדענער בעכער.
אוי, כוועל שוין מער נישט א. אַז. וו.

IV

רבונו של עולם, דו העלף מיר אַ שטייגער,
דעם צווייטן פּאַטשין — אַ גאָלדענעם זייגער.
אוי, כוועל שוין מער נישט א. אַז. וו.

V

רבונו של עולם, מאַך מיך נישט צום נאַר,
דעם דריטן פּאַטשין — אַ נאַקלאַדנעם סאַמאָוואַר.
אוי, כוועל שוין מער נישט א. אַז. וו.

VI

רבונו של עולם, דו ביזט דאָך אַ גוטער,
העלף מיר פּאַטשאַפּיען אַ פיינעם פוטער.
אוי, כוועל שוין מער נישט א. אַז. וו.

VII

רבונו של עולם, האָב אויף מיר רחמנות,
און שיק מיך נישט אָן צו אָרימע אַלמנות.
אוי, כ'וועל שוין מער נישט גנבענען א. אַז. וו.

די ביימעלעך זיי בליען

(אויפגענומען ביי ש. ליימאן, ווארשע)



I

די ביימעלעך זיי בליען,
די פייגעלעך זיי פליען;
די קייטעלעך זיי קלינגען אויף מיינע פיס,
אוי, ווי איז מיר.

בים

II

זיצן זיץ איך מיר אין טורמע,
און קוק אַרוים פון די קראַטן;
דער זומער, דער ליבער, קומט אָן,
אוי, ווי איז מיר.

בים

III

איך שטיי מיר ביי דער טיר,
און באַטראַכט דעם אַרעסטאַנטסקן מונדיר
מיין מונדיר איז פון סערווישן געוואַנט,
אוי, ווי איז מיר.

בים

IV

אוי, ליגן, ליג איך אויף דער נאַרע
מיט מיינע ביינדעלעך די דאַרע;
צוויי פונט ברויט מיט וואַסער אַ טאָג,
אוי, ווי איז מיר.

בים

V

מיין ווייב מיט מיינע קינדער,
לויפן אויף מיינע בייז-ווינדער;
צו אָנקוקן דעם אייגענעם אַרעסטאַנט,
אוי, ווי איז מיר.

בים

VI

כ'האָב מיר קיינמאָל נישט געוואָלט גלויבן
אויף מיין גאַנצן לעבן,
אַז מיין נאָמען זאָל הייסן אַרעסטאַנט,
אוי, ווי איז מיר.

בים

נאָר נעמען באַנראַנדע

(אויפגענומען ביי ש. ליימאַן, וואַרשע)

Moderato (באַוועגט)



I

כ'בין געוועזן אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגן דעם טאַטן;
היינט זיץ איך אין פאַוויאַק
און קוק אַרוים דורך די קראַטן.
אוי, געוואַלד, כ'וועל נישט גנבענען, } בים
נאָר נעמען באַגראַנדע.

II

כ'בין געוועזן אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגן דער מאַמען;

היינט זיץ איך אין טורמע
און וואַלגער מיך אין די יאַמען.
אוי, געוואַלד, כ׳וועל נישט א. אַז. וו.

III

כ׳בין געווען אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגן דעם ברידער;
היינט זיץ איך אין קיטשע
און זינג מיר לידער.
אוי, געוואַלד, כ׳וועל נישט א. אַז. וו.

IV

כ׳בין געווען אויף דער פריי,
האָב איך געגעסן מיט זילבערנע לעפל;
היינט ליג איך אין קרימינאַל
און עס מיר פון שעפל...
אוי, געוואַלד, כ׳וועל נישט א. אַז. וו.

V

די פייגעלעך שטייען אויפן דאַך
און קוקן אַרונטער;
איך האָב נאָך צו זיצן
אַ זומער מיט אַ ווינטער.
אוי, געוואַלד, כ׳וועל נישט א. אַז. וו.

VI

כ׳בין אַרויס פון קרימינאַל
מיט אַ שיינעם שטייגער;
דער ערשטער פאַטשאַנטעק:
אַ גאָלדענער זייגער.
אוי, געוואַלד, כ׳וועל נישט גנבענען,
נאָר נעמען באַגראַנדע. (ביפ)

וואַרשעווער קאַדעטן

(אויפגענומען ביי ש. ליימאַן, וואַרשע)

Allegretto (ווויליונגעריש)



I

וואַרשעווער קאַדעטן
זיי זענען ווילדע יונגען;
זיי האָבן אויסגעקליבן אַ סופּניק
ער זאָל זיי לידער זינגען.

(צוזינג אָן ווערטער)

II

דער ערשטער פון דער באַנדע
איז יאַנקעלע דער קליינער;
דער צווייטער פון דער באַנדע
איז נחומל דער שיינער.

(צוזינג)

III

דער דריטער פון דער באַנדע
איז דוד האָפּטשיקטשאַק;
דער פערטער פון דער באַנדע
איז משה קורעלאַפּ.

(צוזינג)

IV

ווי ס'געוואָרן נאַכט
זיצן זיי און טראַכט,
ווען צו באַשניפּן
די היינטיקע נאַכט.

(צוזינג)

V

ווי ס'געוואָרן טאָג
אוי, אַ יאָמער און אַ קלאָג,
אַ יאָמער און אַ בראָך —
אין פענצטער ס'געוואָרן אַ לאָך...

(צוזינג)

VI

מ׳גיט שוין צוואַנציק רובל
צו פאַררייבן, אוי, דאָס מעבל;
מע גיט שוין צוואַנציק רו״כ
צו באַרייבן, אוי, די זאַך...

(צוזינג)

VII

כ׳בין אַ מאַראַווויכער,
כ׳האַנדל מיט די סקאָקן...
כ׳האָב אָפּגענאַרט דעם ספּראַוווניק
און אַנטלאָפן אין די זאָקן.

(צוזינג)

VIII

און אַז מען קען נישט גנבענען
נעמט מען זיך נישט אונטער;
און אַז מ׳קומט אין קיטשע
קרענקט מען אַ גאַנצן ווינטער.

(צוזינג)

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד"ר ה. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד"ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד"ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד"ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד"ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן ־ נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס־לידער

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
ד״ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פאַרביי...
ש. איזבאן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן)
ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פאַרן לעבן
אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער
ד״ר א. מוקדוני: מיינע באַגעגענישן
דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן)

עס גרייט זיך צום דרוק:

פנחס ביזבערג: שבת-יום-טובדיקע יידן
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאָוויע
נח גריס: קינדער אינעם קאַמף (דאָקומענטן)
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
קאַדיע מאלאדאָווסקי: אמאָל איז געווען...
ד״ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
יוסף אקרוטני: אין קלעם
יהושע פּערלע: יידן פון א גאַנץ יאָר
עוזר ווארשאַווסקי: שמוגלאַרס

*Este libro se terminó
de imprimir el día
5 de marzo de 1949,
en los Tall. Gráficos
Julio Kaufman, calle
Corrientes 1976, Bs.
Aires, Rep. Argentina*